בעזהי"ת

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו, בנישואינו למז"ט ביום הרביעי, ד' תמוז ה'תשס"ז.

התודה והברכה מובעת בזה לבני המשפחה, ידידינו ומכירנו שיחיו, אשר הואילו לשמוח אתנו יחדיו ביום שמחת לבבנו, ולברכנו בברכת מזל טוב, וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה וטוב לבב נתכבד להגיש - מיוסד על הנהגת כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר זי"ע עם הרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא ע"ה ז"ל - לפני כל הנוטלים חלק בשמחתנו, תשורה מיוחדת זו, הכוללת "**לקט השלמות לשיחות קודש**" מזמנים שונים, שלא נדפסו עד עתה בהוצאות השונות של "שיחות קודש". בשיחות הנדפסות בזה, יש חלקי שיחות שנשמטו מההוצאות הרשמיות מפני חריפותם וכיו"ב, ויש חלקים שלא היו תחת-ידי המדפיסים בעת הדפסת הספרים, ונדפסים עתה באופן בלתי רשמי. וזאת למודעי, כל השיחות, וקטעי שיחות הנדפסים בזה אינם מוגהות, וברובם מרשימות פרטיות ועל אחריות הרושמים בלבד, בתקוה שכיוונו אל תוכן הדברים. כמו"כ בתור הוספה, מובא "**לקט אגרות קודש**" בענינים שונים שזכו לקבל זקני החתן השליח הרה"ח וכו' ר' **חיים** וזוגתו שיחיו **צימענד**, שזכו לקבל משך השנים בתור שלוחי כ"ק אדמו"ר זי"ע במדינת מאסאטשוסעטס, ארה"ב.

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך את המשתתפים בשמחתנו, ואנשי ביתם יחיו, בתוך כלל אחב"י יחיו בברכות מאליפות מנפש ועד בשר. ויהי רצון מהשי"ת

שבקרוב נזכה לקיום היעוד מהרה ישמע וגו' בערי יהודה ובחוצות ירושלים גו' קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה גו', בגאולה האמיתית והשלימה.

מוקיריהם ומכבדיהם

**מנחם מענדל ושיינא חי' נאגל**

ד׳ תמוז, ה׳תשס״ז
ברוקלין, נ.י.

## התוועדות הראשונה של כ"ק אדמו"ר בשבת-מברכים ב 770

יותר מיובל שנים התוועד הרבי בכל שבת-מברכים בלי יוצא מן הכלל ולפנינו רשימת ההתוועדות בשבת-מברכים הראשונה עם בואו לארה״ב (הרשימה נכתבה ע״י המזכיר הרב חיים-מרדכי-אייזיק חדקוב ז״ל והתגלתה בשנת תשס״א על-ידי בנו הרב שלום-ישראל שי׳, נערכה על-ידי ״ועד הנחות בלה״ק״ ונמסרה לפרסום ראשון ב״כפר חב״ד״).

לפנינו העתק ה״פתח דבר״ של ״ועד הנחות בלה״ק״:

הננו מוציאים לאור רישומי-דברים מהתוועדות כ״ק אדמו״ר זי״ע בשבת מברכים הראשון בארצות-הברית (זמן קצר לאחרי הגיעו לארה״ב) – ש״פ מטות מסעי, מבה״ח מנחם-אב ה׳תש״א (לפני ששים שנה), כפי שנרשמה בשעתה ע״י הרה״ח ור״ח אי״א נו״מ וכו׳ מוהר״ר חיים מרדכי אייזיק ז״ל חדקוב.

ידוע שעוד לפני קבלת הנשיאות הי׳ הרבי נוהג להתוועד בכל שבת מברכים, ע״פ הוראת חותנו כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע.

אך לדאבוננו, הנה לעת-עתה לא נמצאו בכתובים מהתוועדויות אלו כי אם מעט מזעיר.

לכל לראש – מה שרשם רבינו בעצמו בכתי״ק[1], כפי שכבר נדפסו ה״רשימות״ מש״פ בראשית (מבה״ח מרחשון), ש״פ חיי שרה (מבה״ח כסלו),

1) בהזדמנות זו יש להעיר מסיפורו של הרה"ת ר' משה ז"ל גראנער [ששמעו ממנו כמה מאנ"ש] : בליל יו"ד שבט תשי"א, קראו הרבי לביתו בשביל ענין, וראה והנה על שולחנו של הרבי מונחת מחברת שבה ציין הרבי מראי-מקומות לספרי רבותינו נשיאינו – שהיו פתוחים על שולחנו –

**ש״פ וישב (מבה״ח טבת) וש״פ וארא (מבה״ח שבט) דשנת תש״ב[2] שכנראה הם ממה שדיבר בהתוועדויות דשבת מברכים הנ״ל[3].**

**וכמו כן נמצאו זעיר פה זעיר שם מרשימות של יחידי-סגולה מהשומעים, שהבינם מדעם להכיר בערך והפלאת הדברים הנאמרים לפניהם, ומצאו לנכון לציין ולרשום לעצמם לכל-הפחות מה שהבינו מעט מזעיר מעומק הדברים, כפי שכבר נתפרסמו בשנים האחרונות כמה רשימות השומעים מהתוועדויות הנ״ל[4].**

---

שהזכירם למחרת במאמר ד"ה באתי לגני, והרבי ביקשו לחפש במחברת זו מראה-מקום שציין לאיזה ענין, וכשדפדף במחברת, ראה שהיא מכילה רשימותיו של הרבי ממה שדיבר בהתוועדויות במשך עשרה השנים מאז בואו לארה"ב!

יש לציין שמחברת זו אינה כלולה בתכריך הכת"י של ה"רשימות" שכבר נתפרסמו, ולעת-עתה לא נמצאה עדיין מחברת זו.

ועוד להעיר, שישנם גם כמה ענינים שמציין רבינו ב"היום יום" ל"רשימותי" – שאינם נמצאים בתכריך הכת"י של ה"רשימות" הנ"ל.

2) "רשימות" חוברות יז; כב; כז; קל.

3) ולהעיר גם ממה שמציין רבינו בכמה במכתביו (שנדפסו באגרות-קודש): "אמרתי פה בהתועדות עם אנ"ש והתמימים כו'" (י"ג סיון תשי"ז – חכ"א ע' סב). "אמרתי בתוועדות דשבת מברכים מנ"א כו'" (א' מנחם אב תש"ז – ח"ב ע' רי"ג). "שפירשתי בעת ההתוועדות ביום היאצ"ט כו'"(כ"ה מנחם אב תש"ו)- שם ע' שעא). "והארכתי בהתוועדות בשבת זה כו'" (י"ג מנחם אב תש"ט – ח"ג ע' קסט). "ולסיים מענינא דיומא קידוש שר"ח זה כו'" (ג' אייר תש"ט – ח"ג ע' ק). "ממה שאמרתי בהתועדות ש"ק העבר ש"מ אלול כו'" ׳ כ"ז מנחם אב תש"ט – שם ע' קעד).

4) והם: שיחת ש"פ ואתחנן ה'תש"ג (נדפסה בחוברת "צדי"ק למלך" חוברת ה' ע' 5 ואילך). שיחת שמחת-תורה ה'תש"ד (נדפסה בקונטרס בפ"ע (קה"ת, תשנ"ד)). שיחת ש"פ וירא, ח"י מרחשון ה'תש"ה (נדפסה בחוברת "צדי"ק למלך" חוברת ב' ע' 3 ואילך). שיחת כ"ד טבת ה'תש"ד (נדפסה בקונטרס בפ"ע (קה"ת, תשנ"ד)). שיחת א' משבתות מברכים החודש ה'תש"ח (הוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר זי"ע ונדפסה בספר "ימי בראשית" (קה"ת, תנש"א) ע' 733 ואילך).

הרשימה שלפנינו, אף שיש בה כמה ענינים שנכתבו בפרטיות, מ״מ, אינה אלא בבחינת רישומי-דברים, ועדיין הפרוץ מרובה על העומד, שכן, נזכרו בה עוד כמה ענינים **שנתבארו בארוכה** בהתוועדות הנ״ל, ואעפ״כ לא הועלו על הכתב.

בס"ד. רישומי-דברים מהתוועדות ש"פ מטות-מסעי, מבה"ח מנחם-אב, ה'תש"א.
בלתי מוגה

א. בתחילת ההתוועדות דובר אודות תקנת כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) שליט"א[5] שבשבת מברכים החודש יגמרו כל התהלים לפני התפלה, ויערכו התוועדות ("פארברייינגען") אחר התפלה.

ב. הענין ד"ברכת החודש" בשבת שלפני ראש-חודש – קשור ושייך להענין ד"קידוש החודש".

בזמן שביהמ"ק הי' קיים הי' קידוש החדשים ע"י בית-דין[6] - סנהדרין[7] - כאשר באו עדים והעידו שראו את הירח בזמנו, בליל שלושים[8], ולאחר שנתקיימה העדות, "ראש בין דין אומר מקודש, וכל העם עונים אחריו מקודש מקודש"[9]. ואם לא באו עדים ביום שלושים – הרי זה חודש מעובר[4], וקובעים ראש חודש ביום שלאחריו.

אמנם, כשראו חז"ל שיבוא זמן שיתבטלו הסנהדרין – עמד הלל הנשיא (לא הלל הזקן, אלא הלל שהי' זמן רב לאחריו) וחישב את החשבונות של קביעות כל החדשים עד שיבוא מורה צדק[10].

---

5) אגרות-קודש שלו ח"ג ע' תרג [נעתק ב"היום יום" כו כסלו].

6) ראה רמב"ם הל' קידוש החודש פ"א ה"ה.

7) ראה שם ה"ח.

8) שם ה"ו.

9) שם פ"ב ה"ח.

10) ראה בארוכה תו"ש מילואים לכרך יג פי"ב. וש"נ.

והנה, גם בנוגע לזמן שביהמ״ק הי׳ קיים כותב הרמב״ם[11] ש״בית דין מחשבים בחשבונות .. וחוקרים ומדקדקים עד שידעו אם אפשר שיראה הירח .. או אי אפשר״, ״אם תהי׳ בצפון השמש או בדרומה וכו׳״, ״וכשיבואו עדים להעיד בודקים אותם .. אם נמצאו דבריהם מכוונין למה שנודע בחשבון מקבלים אותם, ואם לא נמצאו דברים מכוונין אין מקבלים אותם״; אבל אעפ״כ, היו הסנהדרין צריכים לקדש את החודש (לא ע״פ החשבון, אלא) דוקא ע״פ העדים שראו את הלבנה.

ונמצא, שנוסף על ענין החשבון, ישנו ענין מיוחד בקידוש הלבנה ע״פ הראי׳ דוקא. ומעין זה הוא גם הענין דברכת החודש, שאין זה רק כדי להודיע אימתי ר״ח (ע״ד ענין החשבון), אלא ע״ד ובדוגמת הענין המיוחד דקידוש החודש ע״פ הראי׳[12].

ג. בהמשך הדברים דובר בארוכה אודות הענין דקידוש החודש בעבודת כאו״א מישראל – על יסוד מארז״ל[13] שישראל נמשלו ללבנה, שמקבלת אורה מהשמש.

בין הדברים נתבאר גם שזהו״ע ד״אור חוזר״, בדוגמת אור הבא ע״י מראה (״א שפיגל״), שהאפשרות לזה היא דוקא כאשר צדה השני של הזכוכית מצופה בכסף חי (״כספית״)[14] – כסף דייקא, שענינו בעבודה הו״ע האהבה[15], כי ״כסף״ הוא מלשון ״נכסוף נכספתה לבית אביך״[16].

---

11) שם פ"א ה"ו. פ"ב ה"ו.

12) ראה גם לקו"ש ח"ט ע' 781 ואילך. וש"נ.

13) ראה סוכה כט, א. כ"ר פ"ו, ג. אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

14) ראה גם תו"א מקץ לג, א.

ד. במהלך ההתוועדות דובר גם אודות הסיפור שסיפר כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) שליט"א בא' ממכתביו[17] שבו מבאר השקפת הבעש"ט אודות אנשים פשוטים.

וזה דבר הסיפור:

עובדא הוה בימי מורנו הבעש"ט נ"ע, שראה פעם ביוהכ"פ שיש קטרוג של כלי' רח"ל על אחת הקהלות, והרבה בתפלה ובתחנונים, ובפרט בתפלת נעילה בעמדו לפני העמוד, ועדיין לא סר הקטרוג מהקהלה, ולא עוד אלא שעי"ז שהשתדל והתאמץ לבטל את הקטרוג, נתעורר קטרוג גדול עליו, על אשר משתדל להושיב בני ישראל בכפרם ובפרשת דרכים, אשר יכולים הם ללמוד ח"ו משכניהם הנכרים.

כראות מתפללי בית הכנסת שהשעה כבר מאוחרת (כבר הגיע זמן תפלת ערבית) ומורנו הבעש"ט עודנו עומד ומתאמץ בתפלתו, הבינו כולם כי עת צרה היא, והתעוררו מעומק נקודם לבבם בבכיות עצומות.

- בימים ההם הי' הסדר שהיהודים דרים בכפרים לא הי' להם מנין, ולקראת ה"ימים הנוראים" היו באים העירה עם בני משפחתם כדי להתפלל בציבור.

באותו מעמד הי' נוכח גם איזה נער כפרי, ובהיותו בור גמור שלא ידע אפילו להתפלל, הי' עומד ומקשיב ומסתכל על המתפללים באין אומר ודברים. ובראותו שכל הקהל מתפללים בבכיות נוראות, הנה גם לבבו נשבר בקרבו, ורצה גם הוא

---

15) ראה תניא רפ"ג. ובכ"מ.

16) ויצא, לא, ל.

17) מ"חורף צ"ח" – נדפס לאח"ז בקונטרס "תורת החסידות", ולאח"ז כאגרות-קודש שלו ח"ד ע' שיב ואילך.

להביע את רגשותיו באיזה אופן שהוא (שהרי להתפלל לא ידע, כנ"ל). ובהיותו רגיל בכפר לשמוע קולות בעלי-חיים שונים, והחשוב ביניהם הי' אצלו קול התרנגול בקריאתו – הנה בעקבות ההתרגשות הגדולה והבכיות אשר בבית הכנסת, קרא הנער בקול גדול: "קוקו-רעקא-האן, ג-ט האב רחמנות, העלף די אידן"...

בהשמע בבית הכנסת קולו של הבחור הכפרי הקורא כתרנגול – חפצו המתפללים לגרש את הנער מבית הכנסת, אך השמש הזקן הרגיע את רוחם, ויאמר להכפרי כי ישאר על מקומו כבתחלה.

תיכף אחר המאורע עם בן הכפרי – סיים מורנו הבעש"ט את תפלתו, ופני קדשו נהרו מגיל.

ואח"כ סיפר מורנו הבעש"ט, אשר הקריאה התמימה של הנער הכפרי גרמה קורת רוח למעלה עד רום המעלות, ועי"ז בטלו הקטרוג מעל הבעש"ט, וכאשר סר הקטרוג ממנו פעל שיסור הקטרוג גם מהקהלה[18].

ה. בהמשך ההתוועדות נתבארה גם המשנה[19] בענין "עשר טומאות" ו"עשר קדושות" – ע"פ תורת החסידות ובעבודת האדם.

---

18) ראה גם שיחת ח"י אלול שנה זו (סה"ש תש"א ע' 851).

19) כלים פ"א מ"ה-ו.

# לקט השלמות

# ל״שיחות קודש״

## כ״ק אדמו״ר זי״ע

**מזמנים שונים, שלא נדפסו עד עתה בהוצאות השונות של ״שיחות קודש״. בשיחות הנדפסות בזה, יש חלקי שיחות שנשמטו מההוצאות הרשמיות מפני חריפותם וכיו״ב, ויש חלקים שלא היו תחת-ידי המדפיסים בעת הדפסת הספרים, ונדפסים עתה באופן בלתי רשמי. וזאת למודעי, כל השיחות, וקטעי שיחות הנדפסים בזה אינם מוגהות, וברובם מרשימות פרטיות ועל אחריות הרושמים בלבד, בתקוה שכיוונו אל תוכן הדברים**

## חלק משיחת כ"ף טבת ה'תשי"ז

. . . עס איז דאך געווען א מיטינג און אזוי ווי עס איז דאך דורכגעגאנגען דורך אייך דרייען, וויל איך באווארענען, אז דער מוסד האט מייסד געווען דער שווער, און ער האט עס געפירט, און האט איין געלייגט אין דעם כחות, הן כחות פנימיים און הן כחות נעלמים, און ער פירט יעצט אויך אן, ער האט אוועקגעשטעלט א הנהלה, הן א הנהלה גשמית און הן א הנהלה רוחנית, און וואס איז נוגע אז ער איז מיט א עטאזש העכער, און אלעס וואס מען קאן טאן אין דעם דארף מען טאן, אין תיקון און ניט אין הירוס.

איך זאג ניט אז עס איז ניטא וואס צו מתקן זיין, סיי תיקון און סיי אין מעלין בקודש, אבער מען דארף אויך געדיינקען אז עס איז דעם רבי'נס מוסד, און דער הנהלה האט אוועקגעשטעלט דער רבי און אז מ'וועט געדיינקען די נקודה וועט מען ניט אוועקגייען בדרך עקלתון.

איך זאג ניט צי א מיטינג האט געדארפט זיין צי ער האט ניט געדארפט זיין, נאר דער אופן וואס איז געווען האט ניט געטויגט, און מ'זעט דאס פון די תוצאות וואס פאר א דרך איז צוגיין מיט איומים, וואס דאס איז א זאך וואס איז ניט געווען בגבול ישראל אפילו בא פרטים און ווער רעדט אין דעם רבי'נס א מוסד, אז דאס איז געווען אזוי, אין עס בא די בחורים אראפ מיט א דרגא נידריקער, אויב מ'וויל עפעס פאריכטן דארף דאס זיין בדרכי נועם, איר האט געקענט ארייגגייען וואהין איר זייט ארייגעגאנגען און דורכריידן זיך מיט זיי אבער ניט אין דעם אופן.

איך רייד ניט צו אייך אליין עס איז דאך געווען א מיטינג, איז איך בעט איבערגעבן אלעמען, איך קאן דאך ניט רופן אלעמען עס איז ניט קיין ענין פאר זיי און ניט קיין ענין פאר מיר דארפט איך זיי איבערגעבן.

עס קען דאך זיין אז מען טוט ווייטער, איז אויב מען טוט דורך אייך איז דאך שוין באווארנט, און אויב ניט דורך אייך דארף מען איבערגעבן אז מען דארף געדיינקען די נקודה.

נו זאל זיין בהצלחה און דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין שלום על ישראל אז עס וועט זיין שלום (לא ברור הסיום).

## חלק משיחת ש"פ קדושים תשכ"ז

(מרשימת הרי"ל שי' ש. ?)

ה. (שיחה זו לא תפסו בבירור) מ'האט גערעדט באחש"פ אז עס דארף זיין וראו כל בשר יחדיו וגו' כי פי ה' דיבר, אז אויך דער בשר הגשמי זאל זעהן אלוקות, און דאס איז ע"י ההתאחדות פון דצח"מ, ביז אז אויך דער דומם, דער מטה מטה האט א שייכות צו אלוקות.

כדי מ'זאל אבער פועל'ן אויף דעם מטה מטה, דארף מען האבן א כח פון גבוה גבוה, וכמובא בחסידות כמה דוגמאות ע"ז, ביז ווי מ'זעט עס במוחש, אז אויף באלייכטן א מרתף וואו דער אויר איז מעופש, דארף מען האבן אן אבוקה, וואס איז א אור גדול, און דווקא דורך דעם ברעכט מען דורך די חושך.

עד"ז איז אויך בנוגע צו דעם ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה וואס האט זיך אנגעפאנגען פון בעש"ט מיט'ן אלטער רבי'ן, אז כדי מ'זאל פועל'ן אויפ'ן חוצה, דארף מען האבן אן אור גדול ביותר.

און דעריבער זעט מען, אז אע"פ הראשונים כמלאכים, איז אבער אין די שפעטערדיקע דורות, ביי די אנדערע רביים, געווען דער ענין פון הפצת המעיינות שטארקער ביז אז בעיקר אין דאס געווען ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר, ווייל דעמולט זיינען געוועןביידע ענינים, סיי אז פון דור צו דור זיינען נתגלה געווארן טיפערע ענינים אין פנימיות התורה, און סיי די פנימיות התורה איז אנגעטאן געווארן מער אין הבנה והשגה, אז אויך איינער וואס איז אין א דרגא פון חוצה ביותר זאל פארשטיין.

אויך כדי מ'זאל פועל'ן אויף דער חוצה ביי זיך, וואס דאס איז חוץ לחכמה אדער ווי עס שטייט אמאל חוץ לעצם הנפש (וואס באמת זיינען זיי איין ענין) דארף מען האבן א כח עליון יותר.

באחש"פ האט מען גערעדט וועגן די התאחדות פון דצח"מ האט מען מבאר געווען דער ענין פון דצח"מ אין נפש האדם, עס זיינען אבער חילוקים צווישן מאמרים אין דעם ענין פון מדבר בנפש האדם, וועט מען דעריבער יעצט נאך אמאל איבערריידן דעם ענין פון דצח"מ בעבודה.

דומם בעבודה איז דאס ענין האותיות, און אויך דער כח המעשה, ווארום זיי זיינען בדוגמת דומם וואס האט נישט קיין חיות, דעריבער זאגט מען א מעשה המצוות אליין איז כגוף בלא נשמה – אהן א חיות (מ'דארף אבער טאהן די מצוות במעשה, ווארום עס דארף דורך נעמען אויך דעם כח המעשה).

צומח, איז דאס מצוות וואס וואקסט מקטנות לגדלות, ווי עס שטייט אין תניא אז קטן מתכעס אויף דברים קטנים (מצד דעם וואס ער האט קליינע מוחין) און א גדול איז מתכעס אויף ענינים גדולים.

אויך פועל'ן די מדות א שינוי אין דעם קיום המצוות, ווי עס שטייט אין תניא אז המקיימן באמת הוא האוהב את ה', און אז בלעדה אין להם קיום אמיתי.

חי, איז דאס מוחין. בענין מדבר זיינען דא שינויים צווישן מאמרים, אין אנדערע מאמרים שטייט אז מדבר איז כתר און אין אנדערע מאמרים שטייט אז דאס איז דער כח המשכיל.

**חלק משיחות ש"פ חוקת ר"ח תמוז תשכ"ז -** הנחה פרטית בלתי מוגה

. . . נאך פריער וועט מען מסיים זיין וואס עס איז נאך געבליבן א פאר קושיות וועגען די רש"י וואס האט זיך גערעדט אין די פריערדיקע התוועדות, וואס מ'האט דארט געפרעגט כמה וכמה קושיות – א פערצן פופצן קשיות, איך קען ניט דערגיין קיין טאלק . . . וואס דערפון איז ביי מיר נתחדש געווארן א נייע ענין, וואס ביז איצטער האב איך געטראכט אז די קשיות הערט מען, מעט שלאפט נאר ביי די תירוצים, וויבאלד אז ער האט שוין געהערט די קשיות זעט ער אז עס איז ניט געפערליך, ער וועט האבן צייט וועט ער אליין זוכן א תירוץ,

סאם סאפאזשינק – וועט ער זיך אליין כאפן אויף דעם תירוץ, אבער יעצט זע איך אז מ'שלאפט אויך ביי די קשיות, וויבאלד אז שינה בשבת תענוג, ס'איז דאך א מצווה, במילא מצד דעראויף שלאפט ער, א שאד דער צייט, ווי דער אלטער רבי זאגט, אז דאוונען דארף מען בעשרה, אבער לערנען, הגם אז מען דארף ניט בעשרה, אבער עס איז בעסער אז עס איז בעשרה, ווייל כל דבר שבקדושה איז בעשרה בעסער, וואס וויבאלד אז שינה בשבת תענוג, איז דאך דאס א דבר שבקדושה, איז במילא דארף מען מהדר זיין בעשרה, ובפרט אז עס איז דא מאה און מערער, איז ער מקיים מצות שינה בשבת תענוג, אז ניין קוקן אויף איהם, ועאכו"כ ניינצעק ניין.

אבער שפעטער האב איך געטראכט אז באמת קען זיך ניט מצטרף ווערען צו א מנין, וויבאלד אז בשעת ער שלאפט רייסט ער זיך אפ פון די ניין אדער פון די ניין און ניינציק, און זיי ווערן דאך אפגעריסן פון עם, במילא קען ניט זיין דער ענין אז ער זאל שלאפן בעשרה, ווייל עס קען קיינמאל ניט זיין קיין מציאות עס זאל נצטרף ווערען א מנין לגבי דעם ענין.

און דא קומט אריין דער ווארט פון צ"צ, אז פון א דבר תורה טאר מען דאך ניט מאכן קיין גלייך ווערטעל.

איז דאס נוגע צו הלכה בפועל, וואס איז פאראן א שאלה אין אחרונים מיוסד אויף וואס עס שטייט אין ראשונים, אויב מ'קען מצטרף זיין צו א מנין איינער וואס שלאפט, אויב עס איז דא צען אידן און איינער שלאפט, במילא איז דאך ניטא קיין צען, איז די שאלה צי ער ווערט מצורף, אדער וויבאלד אז ער שלאפט האט ער ניט קיין שייכות מיט זיי, און אויך זיי האבן ניט קיין שייכות מיט עם.

מ'האט מיר געפרעגט ווי רעד איך וועגען דעם ברבים, עס איז דאך מלבין פני חבירו ברבים, ווייל די וואס שלאפן שעמען זיך דערפון.

און איך האב זיי געענטפערט, אז די וואס שלאפן הערען דאס ניט, וואס מען רעדן, במילא ווערען זיי ניט רייט און ניט ווייס וכו', און דער וואס איז וואכעדיק מאכט ניט אויס . . .

**חלק משיחת שבת פ' תולדות ה'תשכ"ח -** בלי אחריות

הי' היום התוועדות אשר זמן רב לא הי' כמותה וכדלקמן.

הרבי ירד היום ב-1.40 והתחילו לשיר פדה בשלום וסוף בו – אני אבטח בך – רמז הרבי אולי 12-13 פעם שישירו עוד, פעם בסוף שהפסיקו בואבטח בך שיתחילו עוד כו'.

בשיחה ב' שארכה חצי שעה, דיבר שישנה מימרא מרבותינו הנשיאים שברש"י מונה פנימיות התורה, ועוד מימרא שע"י לימוד חומש עם פרש"י זה מביא לידי יר"ש, ושאל מילא שישנו פנימיות התורה בפירוש הלא רואים כשמתעסקים אבל שעי"ז מגיעים ליר"ש לכאו' לא רואים, ולומר שהפירוש הוא שעי"ז שמוצא פנימיות התורה בפירוש רש"י עי"ז אח"כ כשמתבונן מגיע לידי יר"ש, א"א לומר שזהו הכוונה, מאחר שהלשון בפשטות משמע שכמו שרואים פנימיות התורה ברש"י כמו"כ רואים ובאים לידי יר"ש ולכאו' אין רואים את זה?

והתחיל אד"ש לספר שסיפרו לו אנשים נאמנים שאפשר להסתמך עליהם אשר בשנה שעברה נעמד ראש ישיבה – אד"ש לא הזכיר את שמו (אומרים שזהו י . . . ג . . . ר"י ביצחק אלחנן) ואמר שלמה אהב יצחק את עשו מאחר שהי' נותן לו אוכל וכמ"ש מפורש בפסוק ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, ואמר אד"ש לזה שסיפר לאד"ש האם מיחה כנגדו מישהו במשהו? הלא היו שמה יותר ממנין ר"י מורי הוראה ופוסקים,

אמר לאד"ש שישנו דין בשו"ע שאם ישנו בן אדם אלם לא צריכים למחות כנגדו ושאלו אד"ש מ"מ משהו למחות, וענה לאד"ש שההוא לא התכוון כ"כ ליצחק כמו לליובאוויטש, והאם מיחה אחד נגד זה שאל עוד הפעם אד"ש – כן ענה המספר

– אחד קם אח"כ ואמר שהוא לא אומר אלא דעת עצמו ושאלו אד"ש האם הי' לזה המשך אח"כ ואמר לאד"ש שמינוהו לנשיא הכבוד,

ואמר אד"ש – כאן התחיל כ"ק אד"ש זייער קאכן זאך וראו עליו איך שהוא מרוגש – על השידוך שהוא עושה עם ליובאוויטש ויצחק לא איכפת לי אני שמח מזה, אבל יושבים שמה ר"י מורי הוראה יותר ממנין, ועוד, ואין פוצה פה ומצפצף, חכיתי שבוע שלם ואף אחד לא מוחה, וכאן רואים שפרש"י מביא לידי יר"ש על הפסוק גור בארץ הזאת פסוק ב' בפרק כ"ו, אמר לו אל תרד מצרימה שאתה עולה תמימה, פירוש המלה עולה – שהוא כולה למורי', ובעולה גופא ישנה כמה דרגות וע"ז אומר עולה <u>תמימה</u> העולה הכי מובחרת, וזהו רש"י כאן,

ואח"כ ישנו רש"י בפרק כ"ח פסוק י"ג, מפרש רש"י ואלוקי יצחק אעפ"י שלא מצינו וגו' שנאמר הן בקדושיו וכו' כאן יחד שמו על יצחק וכו' ויצה"ר פסק ממנו שזהו הקב"ה לא העיר אל אף אחד אפילו על יעקב שהי' בחיר האבות מובחר שבאבות ג"כ לא נאמר, רק על יצחק, והלא ישנו דין שצריכים לומר פ' העקידה ג"כ שאברהם האט זיך איינגעבעטן אצל הקב"ה שיהי' נחשב כאילו עפרו של יצחק צבור ע"ג המזבח, והקב"ה אלקים אמת, והוא הסכים ועי"ז יש לבניו די ברייטקייט ללכת ולבקש מהקב"ה, ע"י שמקדימים העקידה לפני התפלה דער אויבערשטער אליין איז מעיד שפסק יצה"ר ממנו און וואס יש לו לטעון הוא ר"י ממילא כו' יצחק לא הי' ר"י הלא יצחק ג"כ הי' זקן ויושב בישיבה, (ואמר אד"ש התלמידים של יצחק לא רקדו תערובות משא"כ תלמידיו רוקדים),

וכאן מובא הלא הפירוש של האריז"ל אשר ג"כ הגר"א כותב בפירושו על משלי שמי שלא יודע פנימיות התורה אין יודע לכוון ההלכה לאמיתתה, והאריז"ל כותב עה"פ כי ציד בפיו שזהו הניצוצות קדושה שהם נמצאים אצל עשיו שזהו גשמיות ר' מאיר ור' עקיבא הגם שישנם דיעות שר"ע לא הי' גר אבל אבותיו היו

גרים, ואם יאמר שאין לו עסק בנסתרות אין לו זמן לזה יש לו ענינים יותר דחוקים הוא צריך ללחום נגד מבצע תפילין,

לכן אינו יודע קבלה אז הלא ישנה גמרא מפורשת בסנהדרין שזהו מהגמרות הלומדים בישיבות, שהקב"ה אמר למשה רבינו חבל על דאבדין ולא משתכחאן שזהו הולך על ג' האבות וכן על יצחק ושם מובא הפסוק גור בארץ, הגם שהקב"ה הבטיח לו כל א"י מ"מ אמר גור בארץ, ויצחק לא הרהר אחריו כלום, ואם הי' אמר שבאגדה שבגמרא הוא לא יודע הוא לומד רק נגלה שבנגלה, הלא ישנו דין מיוחד בשו"ע (נדמה לי שאמר קצוש"ע) שצריכים לכוון פירוש המילים לכה"פ בתפלת שמו"ע ובפרט בג' ראשונות,

ששמו"ע מתחלק לברכות אמצעיות וברכות ראשונות ואחרונות, שהם סידור שבחיו של מקום, וג' ברכות הראשונות מתחלקות לג', וברכה ראשונה יש לה ג"כ ראש וסוף ואמצע ומה אנו אומרים בהתחלת ברכה ראשונה מהו שבחו של הקב"ה שהוא אלקי אברהם אלקי יצחק וגו' שהוא יחד שכינתו עליהם וזהו הלא מסתמא אלו ששמעו רובם ככולם מכוונים, ואף אחד לא פצה פה, חכיתי שבוע שלם עד שאני הייתי מוכרח בעצמי למחות ולא איכפת לי שיגידו שאני נטפלתי אליו מאחר שהוא נטפל לליובאוויטש לפני כמה חדשים הוא דיבר נגד אדה"ז באיזה חוצפה הוא הלך לסדר נוסח, ואח"כ דיבר על ליובאוויטש בכלל, ואח"כ על מבצע תפילין,

איני רוצה לדבר בלשון שאינה נקי' ובפרט שכעת שבת, ובסוף ראו שהוא לא איכפת לו אדה"ז או ליובאוויטש יש אצלו (רתיחה דאורייתא) און עס האט ארויסגעשאסן נגד יצחק, אחד מד' רגלי המרכבה, אינו יודע קבלה אבל פירוש המילים של התפלה, א"א לחייבו ללמוד קבלה ולדעת פי' האריז"ל עה"פ אבל גדלות יצחק הוא צריך לדעת, לא איכפת לי שיגידו שנטפלתי עבור זה לבד ג"כ היו צריכים

להטפל (כך נדמה לי שאמר) או שנטפלתי אליו מאחר שהוא לוחם נגד מבצע תפילין הלא הרמב"ם אומר קבל את האמת ממי שאומרה, ע"פ דין הוא צריך לנסוע למערת המכפלה ועם מנין יהודים ולבקש מיצחק מחילה, אפילו לסתם יהודי ג"כ צריכים לנסוע על הקבר ולבקש מחילה, כ"ש יצחק הוא ג"כ ר"י האי לא הי' כמה תלמידים יעקב ועוד, ולו יש הרבה תלמידים נו, יצחק איז פון די ד' רגלי המרכבה הקב"ה מעיד עליו שיחד שכינתו עליו בחייו אשר על אף צדיק אין כדבר הזה,

- אד"ש הי' כ"כ מרוגש, כזה דור יתום, מפחדים ממנו מהכבוד שלו, הכבוד של יצחק לאף אחד לא איכפת ובכדי שהוא לא יחשוב שפגעו בכבודו הולכים ושמים אותו לנשיא אל תשים אותו לגדול ואל תפחד ממנו, לאד"ש כ"כ כאב על מה שאף אחד לא נקם נקמת ליובאוויטש, עד שאמר עבור יצחק אף אחד לא פצה פה אבל לכה"פ עבור ליובאוויטש ואח"כ אמר לא עבור חב"ד אבל עבור יצחק.

ঔ

## חלק מהתוועדות חג השבועות ה'תשכ"ח

. . . דערפון איז פארשטאנדיק אז עס איז ניט גענוג וואס בפנימיות וועט ער זיין בשמחה, און דער אויבערשטער ווייס דאך וואס עס טוט זיך בא איהם אין מחשבה, אדער ער וועט זייך שמח בלשון הקודש וועט דאס א מלאך פארשטיין, ווי תוספות זאגט אז א מלאך פארשטייט לשה"ק, נאר עס דארף זיין א שמחה בגלוי ביז אז א גוי זאל דאס זען.

וואס אין דעם איז דאך תלוי דער ובנו בחרת עס זאל זיין אזא שמחה וואס אוה"ע קען עס אויך לכאורה האבען, און פונדעסטוועגען טיילט זיך אויך דערמיט אויס א איד פון אוה"ע, ווארום ווי ער זאגט אין תניא אז דער "ובנו בחרת" גייט אויף דעם גוף וואס נראה בחומריותו לגופות אוה"ע, במילא דארף דא זיין א שמחה גלוי' אז א גוי זאל דאס זען.

ווי אזוי פועל'ט מען אזא שמחה, איז דאס ע"י וואס ער וועט ניט זיצען ווי ער זיצט א גאנץ יאהר, נאר ער וועט שטיין אין א שטארקע שמחה.

דאס מיינט אבער ניט טרינקען מערער און זיגנגען בקול רם, ווארום דאס פועל'ט ניט אויף א גוי, ווארום א גוי איז מורגל בכך, ער נעמט מערער און שרייט, אויף א איד וואלט עס געפועל'ט, וויילע אידען זיינען ניט מורגל אין דעם, מ'דארף אבער פועל'ן אויף א גוי, איז דאס ניט דורך טרינקען נאר אע"פ אז ער טרינקט ניט אעפ"כ שטיין בשמחה גלוי'.

ניט כדעת הטועים אז דורך דעם וואס זיי וועלען טרינקען משקה וועט דאס אראפנעמען די רפש וטיט פון נפה"ב און עס וועט מוסיף זיין אין נפה"א, נאר אדרבה ווי די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר וואס ער האט דאס געזאגט און דערנאך געהייסען

אפדרוקען אז משקה איז א דבר מאוס, און די וואס ווילען זאגען אז דאס גיט זיי א סיוע אין עבודה, טוט מען אן דעם ענין אין א איידענע זופעצע און מ'איז נאך מוסיף אז דער רבי וויל דאס.

דא איז ניט נוגע די אלע תירוצים ואמתלאות וואס מ'ענפערט, אז עס זיינען דא גרויסע ענינים וואס מ'זאל (חסר), דארף מען וויסען אז דאס איז אויך ניט קליינע זאך, ואדרבה דאס קען זיין דער אבן הבוחן אז ער האלט זיך אן דער קליאמקע צי ניט. עס איז ניט נוגע די חכמה'לעך פון די פשט'לעך וואס מ'לערנט ווארום עס איז א ענין וואס דער רבי האט געזאגט און געהייסען אפדרוקען אז עס איז א דבר פשוט.

און אויב עס וואלט ניט געווען קיין דבר ברור, פארוואס האט ער עס געהייסען אפרדרוקען, ובמילא איז א סימן אז עס איז נוגע און ביז לדורי דורות אז משקה איז א דבר מאוס.

עס זיינען פאראן אזוינע וואס ניט נאר אז מ'נעמט אליין, נאר מ'זעט אויך אז א צווייטער זאל נעמען, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק וואס יעמולט איז ווי די משנה זאגט אין אבות אויף דעם דעם לשון וואס כ'וויל ניט זאגען. ואין להאריך בדבר המצער ומבהיל.

**חלק משיחת יום ב' דחה"ס תשכ"ט -** הנחה פרטית בלתי מוגה

(שייך לסוף השיחה)

איצטער דארף אבער יעדערער האבן מסירת נפש אויף הערן וואס איך בין מחדש, פארוואס? ער קען גיין צו זיך אין שטוב און זיך אוועק זעצן לערנען במנוחה א מאמר אין לקו"ת, און אויב ער וויל הערן עפעס ניי, האט מען איצטער אפגעדרוקט נייינצען חלקים ביכלאך חסידות, קען ער זיצן ביי זיך און דאס לערנען, הלואי זאל מען פאר דעם יאר דאס ענדיקן.

פארוואס דארף ער קומען דא און הערן וכו', ביז ער האט מסירת נפש, ניט איך וויל דאס, און ניט ער האט א תועלת פון דערפון, און ניט מלמעלה איז מען אויסן אין סיגופים פון א אידן.

רעט מען וועגן דעם איז כלא הי', אויף אלע ענינים של מה בכך, האט מען צייט וכו', דא אבער ניט, ביז איך וועל אליין דארפן טאן פלאנען וכו'....

מען שרייבט דאס אפ און מען גיט דאס ארויס, ביז מען שיקט דאס מעבר לים, בנוגע לפועל אבער, האט עס ניט, איצטער שיקט ער דאס מעבר לים, און אויף דעם קומענדיקן יאר פארלאזט ער זיך אויף דעם אויבערשטן, ובהדי כבשי דרחמנא למה לך.

איך וועל ניט צופיל מסרב זיין, איז איצטער וועל איך טאקע מקצר זיין, און דעם קומענדיקן יאר וואט דאך משיח קומען וועט ער טראכטן וועגן דעם.

איז כאמור לעיל, איך וועל טאקע מקצר זיין,

**אבער בנוגע לאגרת התשובה . . .**

**(באמצע אמר): איר האט זיך ניט וואס צו שטופן איך וועל סיי ווי ענדיקן.**

**(צוה להכריז קודם מעריב) אז מען זאל זיך ניט שטופן, און יעדערער זאל שטיין על מקומו און דאווגען מעריב.**

**(קודם כוס של ברכה אמר): אויב מען וויל איך זאל טיילן כוס של ברכה זאל מען זיך ניט שטופן, ווארום אויב ניט וועל איך דאס אוועק געבן א צווייטער צו טיילן; במילא וועט מען זיך ניט שטופן...**

## השמטה משיחת ש"פ מקץ תשכ"ט

בהמשך להאמור לעיל, איז ניט דער פירוש אז מ'האט געזוכט און ניט געפונען קיין מקור למ"ש בהלוח, נאר עס קען זיין אז עס זאל שטיין וועגען דעם א פסק ברור.

אמאל פלעג איך מאנען וועגען דעם נאר איצטער וויל איך אפי' ניט מאנען ווארום עס איז א ענין פון דברים בטלים, וואס דאס ווערט ניט אנגערופן דברים אסורים צו דברים מאוסים, וואס דער רמב"ם רעכנט אויס דיבורים וואס זיינען מאוסים, און זיינען אסור, וכמבואר ברמב"ם אלע חלקי הדיבור וועלכע עס זיינען פאראן, און ער זאגט אז דיבורים הטובים זיינען א מיעוט, דאס רופט מען נאר דברים בטלים, וואס דברים בטלים ניט אז עס איז אסור אדער מאוס, נאר אז איז בטלים, עס איז ניטא קיין תכלית דערפון.

איז בשעת איך מאן וועגען דעם איז עס דאך דברים בטלים, ווארום ניט עס איז געווען א תכלית פאר דעם שומע, וואס ער האט דערפון עפעס, נאהר מען פלעגט עס פארשרייבן און פארשיקן לכל קצווי תבל, און דערביי איז גיבליבן, ובמילא איז דערפון גארניט ארויס געקומען בפועל ניט פאר דעם שומע ניט פאר דעם כותב ניט פאר דעם מקבל הרשימה, איז דאך דאס א ענין של דברים בטלים.

ואעפ"י אז עס איז פאראן א ציווי פון הוכח תוכיח את עמיתך אפילו מאה פעמים איז דאך אבער דאס ווייל לבסוף פון די מאה פעמים וועט עס פועל'ן, דא אבער אפי' מיט מאה פעמים ווער ער גארניט פאלגן.

פון וואנט איז די ראי' אז עס וועט ניט העלפן איז דאך פארשטאנדיק לויטן ירושלמי וואס ער זאגט אז וויבאלד שמים וארץ זיינען חזקים ביום הבראם איז עס

א ראי' אז אין זיי וועט קיין מאל ניט זיין קיין שינוי, און מ'איז דאס מסביר לויטן בחיי וואס זאגט אז א תינוק משנולד מתחיל להתייבש ווארום וויבאלד סוכ"ס ווערט ער אינגאנצן אויס איז מובן אז מיד כשנולד מתחיל להתייבש איז דערפון וואס מ'זעט איצטער אז עס ווערט קיין שינוי איז מובן אז עס וועט אלע מאל אזוי בלייבן.

ועד"ז . . . בשעת מען זעט ביים ערשטן מאל איז פאראן א הזזה עכ"פ, דעמאלט איז מובן אז לאחר מאה פעמים וועט עס פועלן לגמרי, בשעת אבער אז מען זעט אז ביים ערשטן מאל איז ניטא קיין הזזה ושינוי איז מובן אז אויך לאחר מאה פעמים וועט דאס ניט פועל'ן.

איז אמאל פלעג איך מאנען וועגן דעם, וואס עס זיכער געווען די וועלכע זיינען מורה הוראה בישראל, ובמילא האבן זיי זיכער געוווסט ווי מען דארף זיך פירן בנוגע . . . (חסר).

## חלק משיחות שבת פ' צו שה"ג ה'תשכ"ט

זה הי' הקדמה לרש"י (חלקו נדפס בהוספות לשיחו"ק ח"ב ע' 492, ובא כאן בין חצאי ריבוע)

ראשית כל דארף מען ריידן וועגן דעם וואס עס האט פאסירט בשבוע העבר וואס דאס איז דא דער ענין וואס אדם מוזג כוס לרבו ע"ד ווי גשמים בסוכות, וואס עס האט ניט געטראפן אזא מעשה בשנים האחרונות און אויך איך האב ניט געהערט אז ס'זאל אזא זאך פאסירן בא דעם רבי'ן דער שווער און בא רבותינו נשיאנו, אז ס'איז געווען בחסד וברחמים זיי זיינען געווען אנוסים ומוטעים, דער ניט געוואלט און דער האט ניט געמיינט,

וואס לכאורה וואס האב איך געווארן בכעס, מען האט בהשגחה פרטית אפ געדרוקט פאר שבת א שיחה וואס דארטן רעדט זיך וועגן הרבה שלוחים למקום, איך האב געהאלטן די שיחה פרייטיג בייטאג, פרייטיג פארנאכט, ונהניתי, וואס דא האט מען א הוראה בעבודה אז מען קען לערנען און אז עס קומט אין עבודה בפועל איז מען גאר ווייט פון דעם, מען האט געהאלטן די שיחה מיט זעקס שעה צוריק און עס איז געקומען לפועל איז גאר אנדערש.

עס איז מיר איינגעפאלן בהשקפה ראשונה א ביאור פארוואס דאס האט געטראפן (איך זאג בהשקפה ראשונה און ניט במושכל ראשון ווייל דאס איז היפך השכל וכמשי"ת לקמן), אפשר איז דאס בכדי אויף צו זיי מתקן זיין, טראכטנדיק איז מיר איינגעפאלן אז מען קען דאס ניט זאגן, מען געפינט ביי משה רבינו וואס הגם מי אשר ערב לבו שמץ מנהו פון משה רבינו און ווי דער אלטער רבי ברענגט דעם לשון, פונדעסטוועגן געפינט מען בא עס וואס פיר מאל האט ער ניט געוואוסט און ער האט געזאגט אז ער וועט פרעגן בא דעם אויבערשטן, בא מקושש עצים בא פסח

שני ועוד, און בא בנות צלפחד איז דריי פלעצער שטייט עמדו ואשמעה מה ידבר ה' וגו'.

משא"כ בא בנות צלפחד געפינט מען ניט אז ער זאגט עמדו ואשמעה נאר גלייך ויקרב משפטן לפני ה' וואס דער ביאור קען מען זאגן אז בנות צלפחד זיינען געקומען צו משה האבן זיי געזאגט אבינו מת והוא לא הי' בעדת קרח, וואס איז געווען עדת קרח זיי האבן געקריגט אף משה רבינו, און דאס האבן בנות צלפחד באווארנט אז אבינו לא הי' בעדת קרח, איז וויבאלד משה האט געזען אז ער איז א נוגע בדבר האט ער גארניט געזאגט ער האט זאך ניט געוואלט אריינמישן נאר גלייך, ויקרב משפטן לפני ה' (ובפרט וואס מי אשר ערב לבו שמץ מנהו פון רעיא מהימנא).

נאר א ערגערער ענין איז, וואס עס זיינען געשטאנען צענדליקער אידן איז וואס זיינען זיי געשטאנען זיי האבן געוואלט זען וואס פלוני בן פלוני וועט זאגן אף דעם, הגם ערשט אין דאוונען האט מען גאזאגט אל תבטחו בנדיבים בבן אדם איז לכאו' איז וואס וכו' נאר וואדען מען דאוונט, און די מקושרים האבן זאך איבער געזעצט גלייך מוצש"ק און מען האט פארשריבן וואס פלוני האט געזאגט און וואס פלוני בן פלוני האט געזעגט אף דעם און מען האט דאס צוגעשיקט.

עס האט מיר איינגעפאלן א זאך ערגער אפשר ווייל דאס איז דאך א ענין חדש וויל מען האט מיר באווייזן אז מען דארף דאס ניט, ווען מען פעלט דאס אויס, מען שלאפט אין מיטן ריידן, מען דערציילט אויפן אלשיך אז ווען דער אריז"ל פלעגט ריידן אין סוד פלעגט ער איינשלאפן, ער האט געמאכט כמה מיני תחבולות און עס האט עם גארניט געהאלפן, האט אים דער אריז"ל מנחם געווען אז ער איז פון עולם הדרוש, ממילא אז מען רעדט ענינים פון עולם הסוד ווערט מען אנטשלאפן,

דא אבער רעדט מען פון פשט שלאפט מען, מען רעדט רמז שלאפט מען, מען רעדט סוד שלאפט מען, מען רעדט דרוש שלאפט מען און מען שלאפט בא אלץ אויפן זעלבן אופן. איז עפעס שטימט דא ניט, מען קען ניט זאגן אז מען האט צו גארניט קיין שייכות ח"ו, עס שטייט דאך ותן חלקנו בתורתך, יעדער איד האט א חלק אין תורה און מען רעדט דא איבער זאכן פון אלטן רבי'ן, פון מגיד פון בעש"ט און מען שלאפט בא אלץ בהשוואה, איז אפשר איז דאס א הוראה אויף צו מבטל זיין דער ענין.

עס איז דאך אדם חס על מעשה ידיו איז מיר איינגעפאלן אפשר זאל מען נאר אויפהערן אויסרופן אף וועלכע רש"י מ'וועט זיך שטעלן, וואס דאס איז דאך א דבר חדש לגמרי עס איז גאר א ליטווישער מנהג (ווי בא ליטווישע ראשי ישיבות) אז מען היינגט אויף די מ"מ פון דרשה וואס דער רב וועט רעדן שה"ג, עס וועט קומען אקנאקן און וועט ריידן וועגן די און די רש"י, וואס מען האט אנגעהויבן צו אויסרופן די רש"י'ס נאכדעם אז מען האט געבעטן, ניט פון זקני אנ"ש ח"ו, ער איז א איד וואס האט געלערנט כמה שנים אין תו"ת ער האט א קביעות עתים לתורה און ער האט געבעטן,

האט מען אנגעהויבן מודיע זיין וואס לכאורה איז דאס א גלייכע זאך, אנשטאט וואס מען איז פארטראכט און מען קוקט ווער שלאפט און וועמען מען דארף אויפוועקן מען הויבט אן זינמיסיען מיט א רש"י בזמן אז מען איז צו טומלט, איז לכאו' בעסער אז מען זאל מודיע זיין מראש און מען וועט קענען איבער קוקן די רש"י מיט די מפרשים אז מען זאל קענען זיי צוגעגרייט, זאל מען אויפהערן אינגאנצן זאגן איז דאך אדם חס על מעשה ידיו, האב איך זיך דערמאנט אז עס איז פאראן א מעשה אין (מדרש?) מיט הושע בן עילם וואס מיט עם האט פאסירט לסוף ימיו ניט פאר קיין אידן געדאכט און ניט פאר קיין ניט אידן געדאכט, דער (מדרש?) דערציילט

פארוואס דאס האט מיט עם געטראפן: הושע בן עילם איז געווען א מלך נאך ירבעם בן נבט, ירבעם בן נבט האט אוועק געשטעלט שומרים אידן זאלן ניט קענען עולה לרגל זיי און הושע בן עילם האט אראפגענומען זיי און דערפאר האט ער געהאט דעם עונש,

וואס לכאו' האט ער דאך געטאן גאנץ א גלייכע זאך, אידן זאלן קענען עולה לרגל זיין, איז לכאו' אין וואס איז באשטאנען זיין חטא?

נאר דער ביאור אין דעם איז: אז בזמן ירבעם בן נבט, איז דער קולר געווען תלוי בצואר היחיד, אז אידן האבן ניט עולה געווען, איז געווען ירבעם בן נבט שולדיק, אז מען האט אבער אראפגענומען די שומרים און מען איז ניט עולה לרגל איז א קולר תלוי בצואר הרבים, און דערפאר האט ער געהאט אן עונש, און אזוי אויכעט דא, אז מען רופט ניט אויס אויף וועלכער רש"י מען וועט זיך שטעלן איז א קולר תלוי בצואר היחיד, אבער אז מען רופט אויס און מען קוקט ניט אריין פארשעמט מען דעם אלט'ן רבי'ן מיט בעש"ט, און ביז רש"י און עס איז א קולר תלוי בצואר הרבים,

איז לכאורה וואס האט מען געוואלט פון הושע בן עילם, ער האט דאך געטאן א גלייכע זאך?

נאר דער ביאור אין דעם איז אז פריער האט ער זיך געדארפט אריינלייגן אז אלע זאלן עולה לרגל זיין און דער נאך אראפנעמען די שומרים, אזוי אויכעט דא פריער דארף מען זען אז אלע זאלן וויסן אז מען דארף לערנען רש"י, און דערנאך מפרסם זיין אז אויף די רש"י וועט מען ריידן, אשר ע"כ האב איך מחליט געווען אז מען זאל אויפהערן מודיע זיין די רש"י מראש, ביז אז מען וועט פועל'ן אז מען וועט אריינקוקן אין רש"י פריער, און דערנאך וועט מען אנהויבן צוריק מודיע זיין, און

דערווייל וועט זיין אזוי די הנהגה און אז ס'וועט טרעפן נאך א מעשה וועט מען זען צי מ'דארף אויפהערן בכלל מיט די ענינים פון רש"י. (והמשיך השיחה על רש"י).

**משיחת אחש"פ תשכ"ט**

. . . עס געפינען זיך חכמים מחוכמים וואס אין אנדערע ... אז זיי זיינען גאנצע דעה זאגער'ס און זיי קאכן זיך אין וואס טוט זיך אין וואשינגטאן, וואס טוט זיך אין ווייעטנאם, ועאכו"כ וועגן ארץ ישראל, ועאכו"כ וואס הערט זיך אין ניו יורק, איז אבער בנוגע לענין זה טענה'ן זיי אז איר זאל געבן א עצה און זיי וועלן זיין די פאסט טרעגער, און דאס איבערגעבען, אבער זיי אליין זאלן זוכן עצות – דאס נישט.

בנוגע מסחר איז ער מיר נישט געקומען פרעגען, און ער טענה'ט אז ער וויל מיר נישט מבלבל זיין, ער איז מיינער א גוטער פריינד, ער וויל מיר נישט מבלבל זיין – זייער שוין, פרעגט מען איהם צי איז ער מצליח במסחרו, ענטפערט ער אז יע. ווי אזוי פירסטו דאס, מיט דיין אייגענעם שכל, צי טראכסטו וועגען דעם מסחר ביינאכט אויך, ענטפערט ער יא, פארוואס טראכסטו נישט פראווען עפעס טאן בנוגע די שכונה, דאס איז דאך א זאך וואס איז פארבונדען מיט א פערטל מיליאן אידען, עס איז געבליבען צוויי הונדערט טויזענט, פופציג טויזענט זיינען שוין ... חסר.

## חלק משיחת ש"פ שמיני תשכ"ט

עס איז פאראן נאך א ענין עיקרי, וואס מען זעהט אז בשעת האט געדארפט געבען אידן די תורה, האט מען פריער גערעדט לבית די נשי ובנות ישראל, און דערנאך האט מען גערעדט מיט די מאנס ווארום אויף זיי איז גרינגער צו פועל'ן.

האט מען דא אויך געדארפט אזוי טאהן, פריער אראפ ברענגען פרויען דא, און ריידען מיט זיי, און דערנאך רייעדן מיט מענער ווארום בשעת זיי שפארען זיך איין מיט א תוקף דעמאלט פועל'ט דאס אויך אויף די מענער.

און ווי מען זעהט בנוגע שלאפען, איז דאס דוקא צווישן די מענער אבער ניט צווישן די פרויען, און פונקט ווי דא שאלפט מען ניט נאר בשעת מען רעדט קבלה רמז וכו', נאהר אויך בשעת מען רעדט פשט, בן חמש למקרא, אזוי איז ביי די פרויען אז זיי שלאפען ניט, ניט ווען מען רעדט פשט, נאר אפילו בשעת מען רעדט דרוש ביז סוד, וואס בינתיים האבען זיי אין דעם קיין השגה ניט.

ובמילא דארפן זיי וויסען אז עס איז תלוי אין זיי, און אויב זיי שפארען זיך איין מיט א תוקף, דעמאלט איז כמבואר אז אשה כשירה העושה רצון בעלה איז כמבואר בדא"ח אז זי מאכט אויף א רצון חדש, דער אויבערשטער וויל ביי איהר מאן.

און בשעת זי שפארט זעך איין מיט איהר בטחון אז דער אויבערשטער פירט די וועלט, דעמאלט פועל'ט זיך אויף איהר מאן . . .

ה. עס איז דאך במקום שרצונו של אדם שם הוא נמצא, כתורת . . . קומט דאך אויס אז די פרויען וואס ווילען הערען, זיינען זיי בא . . . אונטען, און די אלע שלאפערס זיינען אויבען.

(וואס אין פרקי דר"א שטייט אז בשעת השינה איז הנשמה עולה למעלה ושואבת לה חיים, קען דאך אבער דאס זיין א האלבע שעה פארן פארברייינגען אדער א האלבע שעה נאכן פארברייינגען).

וויבאלד אז אזוי איז עס אין תורה, איז במילא . . . און אזוי איז עס אויך אין וועלט, ווארום תורה איז דאך . . . של הקב"ה ואסתכל באורייתא וברא עלמא, (חסר).

דאס איז וואס מען זאגט אז אדם רוצה בקו שלו . . . לבין של חבירו, וואס אעפ"י אז ער אליין וויל ... איז תשעה קבין און דאס איז בלויז איין קב, פונדעסטוועגען אדם רוצה בקב שלו וכו', ווארום דאס קומט בכח עצמו, כדוגמת אתעדל"ת וואס יש בו עילוי לגבי אתעדל"ע, וואס אזוי איז . . . עולם הבריאה וואס העכער איז דאס ניט בלויז ביי . . (חסר).

. . . האב איך געפרעגט פארוואס שווייגט מען, האט מען געענטפערט אז עס איז א קדירא דבי שותפא וכו', און מ'האט געפרעגט בא די וואס מ'דארף פרעגען האט מען געענטפערט נישט דאס וואס מ'האט געדארפט ענטפערן.

באמת, אפילו נניח אז דאס רעדט זיך א זאך וואס איז נוגע צו איין איד צו איין גוי און בנוגע איין נפש, איז אויך דא א דין אז בנוגע לנכסים איז דא דינא דבר מצרא, מצד ועשית הישר והטוב אפילו לאחר וואס ער האט פארקויפט צו איינעם וואס איז נישט קיין בר מצרא, און דער בר מצרא וויל דאס קויפען איז לכתחילה דער קנין נישט חל, און מ'דארף עם געבען צו דעם בר מצרא.

בד"א, אויב ער דארף נישט דערלייגן קיין געלט, אויב אבער אז דורך דעם פארקויפען נישט צו א בר מצרא קריגט ער מערער געלט איז נישטא דער דין.

איז אבער פאראן נאך א דין אין חו"מ, אז בשעת א גוי וויל קויפען א נחלה בשכנות צו א אידען כדי להשחית נחלתו איז דאס תלוי בראות הדיין.

זאגט דער ערוך השלחן אז דאס מיינט – אין מניחין אותו לעשות כן. וואס דא רעדט זיך נישט וועגען א ענין של סכנה, ווארום דער גוי וועט דאך נישט מזיק זיין בפועל דעם אידישען שכן. מער נישט וואס ער וויל מאכען ביליגער דעם אידן'ס שטוב, און דאס איז דאך נישט נוגע אין דיני נפשות, און אפילו אין דיני ממונות וואלט דער איד נישט ביים פארקויפען. אעפ"כ איז דער דין אין מניחין אותו לעשות כן.

וואס דאס . . . זאך בנוגע איין איד און עס ווערט ניתוסף ווערן כח מערנישט ווי צו איין גוי.

עס איז פאראן אין אחרונים וואס ווילען זאגן, בד"א בשעת דער מוכר וועט געפינען א אנדער קונה וואס וועט איהם געבען דעם פרייז, אויב אבער דער גוי וויל איהם געבען די שווי' און ער געפינט נישט קיין אידישען קונה מעג . . . אין ערוך השלחן אבער ברענגט זיך נישט דער חילוק, נאר ער זאגט בפשטות אז אויב א גוי וויל קויפען דוקא צווישען אידען, כדי להשחית נחלתו, מערנישט ווי אויף מאכען ביליגער דעם אידן'ס נחלה, אעפ"כ אין מניחין אותו לעשות כן.

און אין דעם איז דאך נישט פאראן קיין שום היזק, נאר אז אין דעם אידן'ס נחלה בלייבט נישט די זעלבע יופי וכו' וכו'.

עס איז נאך א דין אין הל' שכנים. אז מ'טאר נישט אריינברייגען צו זיך אין רשות א דבר המזיק ווי חתול וכיו"ב, אויב דאס קען מזיק זיין א אידישען שכן.

טענה'ט ער ס'טייטש, ער מאכט דאך דאס בא זיך אין רשות, זאגט מען אז אעפ"כ איז דאך אסור, און אויף דעם איז דא א גאנצער פרק אין ב"ב, און סימנים אין שו"ע, אז ער טאר נישט מאכען קיין שובך וסיד וכו', אע"פ אז דאס איז זיין פרנסה, און ער טענה'ט אז ער וועט בויען א גדר און זוכען עצות, פונדעסטוועגן ווערט געפסקנ'ט אין שו"ע אז דאס איז אסור.

וויבאלד אז עי"ז איז ער גורם היזק צו א אידען, און זאל ער בעסער האבען פרנסה באופן קשה יותר און נישט גורם זיין קיין היזק לישראל.

נאך מערער, דאס רעדט זיך דאך אז דער היזק ווערט לאחר וואס ער טוט פעולתו, אויב אבער אז דער היזק ווערט בעת זיין פעולה, דאן ווערט ער אנגערופען א מזיק בידים.

דאס אלץ רעדט זיך בנוגע איין יחיד וואס איז מזיק צו א צווייטען יחיד, און עס איז נישט נוגע צו א דריטען און א פערטען.

בנוגע אבער להיזק רבים קומט צו נאך דינים.

ווי דער רמ"א ברענגט פון הגהות מרדכי, אז עס איז געווען א דוכוס אין לותר, וואס דאן איז דאס געווען א חלק פון צרפת, אז ער האט גערופען די אידען וועלכע זיינען געווען תחת רשותו, און האט זיי געזאגט אז ער וויל אז די אידען וועלכע וואוינען אין א כפר וואס איז נישט תחת רשותו, זאלען זיי איבערקלייבען זייער דירה און לעבען תחת רשותו, אין זיי זאלען דאס זען אויספירען, און אויב נישט כלה גרש יגרש אלע אידען פון לותר.

עקשנ'ט זיך דער דין אז כדי למנוע היזק הרבים, זיינען מחויב די אנשי הכפר ההוא פארלאזען איהם און זייער פרנסה און זייער מנוחה ונחלה, און איבערקלייבען

זיך אין די שכונה וועלכע געפינט זיך תחת מושל לותר, און נישט ווארטען ביז די אידען פון לותר וועלכען זיי מזמין זיין, מצד דעם וואס אידען פון לותר געפינען זיך תחת סכנת גירוש, און דאס רעדט זיך נישט וועגען סכנת נפשות.

די אלע טענות וואס זיי האבען אז עס קאסט זיי געלט זיך איבערקלייבען און הפסד הפרנסה זאלען זיי לאזען אויף שפעטער, און זיך גלייך איבערקלייבען, פארלאזען זייער ארט און קומען תחת מושל לותר, או שפעטער וועלען זיי קומען צו בי״ד און מאכן א חשבון, און אויב בעיני הב״ד וועט עס זיין א חשבון צדק וועלען זיי קענען אופמאנען זייער געלט וכו׳.

וואס דאס רעדט זיך וועגען אידען וועלכע וואינען אין א צווייטען ארט, און זיי הערען וועגען א שכונה, אז דארט קען זיין א היזק הרבים זיינען זיי מחויב פארלאזען זייער ארט כדי למנוע היזק הרבים.

און דארט איז נישט געווען דער ענין פון מוסיף זיין כח צו א גוי, ע״ד ווי דער דין בנוגע לערכאות של עכו״ם, ד.ה. אז דער דוכוס לותר וועט דורך דעם שטארקער ווערן, ווארום ער איז געווען שטארק בלא״ה, עס איז מערניט אז ער האט זיי געוואלט האבען תחת ממשלתו, וכוונתו איז געווען מער נישט ווי להגדיל זיין מס.

אעפ״כ זיינען זיי געווען מחויב פארלאזען זייער כפר, און זיי קענען נישט טענה׳ן מה לנו ולצרה הזאת.

בנדו״ד קומט נאך צו, אז א איד וואינט לכתחילה דא, און דורך זיין אויסקלייבן זיך פון דאנעט, וועט אהער אריינגיין א גוי, וואס דאס וועט מערער זיין

אויף פרנסה פון א אידען, און אמאל איז עס דאך אויך נוגע לדיני נפשות, איז עס דאך א היזק הרבים.

און נישט נאר א היזק הרבים פאר די אידען וועלכע וואינען בשכונה זו, נאר אויך צו אידען בשאר שכונות, ווארום חברא חברא אית לי', וועט דער גוי דערציילען צו זיין ברודער אדער צו זיין שוועסטער-קינד, וועלכער וואינט אין א שכונה אין א אנדער שטאט, און ער זאגט אידען אז אויב דו וועסט זיך פירען בדרך הזה וואס איך פיר זיך, וועלען די אידען פון דארט אנטלויפען און דו וועסט עם קענען מקבל זיין בחצי חנם, ווארום ידינו על התחתונה ויד שונאי ישראל על העליונה, וואס דאס ... אויף דעם ענין פון אויבינו פלילים, אז גוים האבען כח איבער אידען, ווארום ער טענה'ט אז דאס איז נישט מצד ווייסע-שווארצע, נאר ווייל דאס איז א איד.

אין אמת'ן וואלט געדארפט זיין, פארלאזט זיך אויף דעם אויבערשטען, שלאף רואיגערהיינט, און טאמער דו האסט טענות, דינג זיך מיט דעם רמ"א און דער הגהות מרדכי, וואס דארט רעדט זיך דאך אז ער האט מערניט ווי געוואלט להגיד הרווחים והמסים שלו, מכ"ש בנדו"ד.

במילא בשעת מ'קלייבט זיך מיט די טענות הנ"ל וכו', איז דאס היפך הדין בחו"מ.

און דא ווערט נאך ניתוסף נאך א ענין אז עס איז א ענין של חילול השם.

ווארום עס איז דאך פאראן בהשכונה כמה בתי כנסיות ובתי מדרשות, ללמוד ולהתפלל. בשעת מ'פארמאכט א ביהכנ"ס איז פאראן אין דעם דריי גדרים. א) דער קדושת הבית וואס מ'נעמט צו. ב) עס ווערט ווייניקער מיט א שוהל. ג) אז עס פעלט בא אידען הגרים בשכונה הזו מקום להתפלל.

בנוגע דאס וואס מ׳מאכט עס אויס מקום קדוש, אין אויף דעם פאראן א איינפאכע עצה, אז ער העלפט א תנאי, אז לכתחילה מאכענדיק פאר א מקום קדוש, נעמט מען אויס א תנאי מ׳זאל שפעטער קענען מאכען דאס אויס מקום קדוש.

בנוגע דאס וואס עס ווערט וויניגקער מיט א מקום קדוש, איז אויך דא א עצה, און מ׳וועט אין א צווייטען ארט מאכן די שוהל.

אבער בנוגע דעם דריטען ענין, וואס מ׳פארמאכט א ביהכנ״ס, וועט א איד דארפען גיין א איבעריקען בלאק, און מ׳וועט מטריח זיין א אידען, און א טרחא פון א אידען איז דאך זייער טייערע יגיעות פון א אידען זיינען זייער טייער למעלה, וע״י סגירת הביהכנ״ס וועט א איד דארף האבען איבעריקע טרחה כדי גיין אין בהכנ״ס.

נוסף לזה אין דאך א איד בכלל, מנהג אבותיהם בידיהם, אז מ׳דאווענט אין דעם נוסח הרגיל לו, ועי״ז וואס עס פארמאכט זיך א בהכנ״ס וועט א איד נישט געפינען אזא בהכנ״ס וואו מ׳איז מתפלל זיין נוסח, איז ער מכריז אז אידען וועלכע האבען איהם געהאלפען אופשטעלן א בהכנ״ס, און איהם . . . געלט אויף דעם, און דאס האבען זיי געטאן מרצונם הטוב, קיינער האט אים נישט מכריח געווען אויף דעם, איז ער זיי מכריח נישט דאוונען . . .

במילא בלייבען אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות, און עס וועט זיין פרנסה פאר די גראסעריס און פאר די טיילערס וכו׳, און אזוי ווי דארטן אז אין סיטי האט מען זיי מבטיח געווען אז מ׳וועט זיי געבען א שמירה מעולה, אע״פ אז דער מצב בהתחלה איז געווען איום ונורא.

בשעת אבער איינער אנטלויפט און ער איז מסית ומדיח אז דער וואס איז נשמע לקולו זאל אויך אנטלויפען איז דאס חיזוק הרבים סיי בגשמיות און סיי

ברוחניות, און עס איז א היזק הרבים צו אלע מקומות וואו נאר דער גוי קען שרייבען א בריוו אז אזוי האט ער געטאן.

און מ'זעט אז אין די שכונה וואס מ'האט אנגעהויבען לויפען איז דארט געווען רואיגער איידער מ'האט אנגעהויבען לויפען אהין, עאכו"כ אז עס פעלט דארט אין מנוחת הנפש. ווארום ע"ז גייט מען דאך אנקעגען שו"ע און נגד ה'.

אפילו דעם נפה"ב קען מען אויך אפהאלטען פון וועלן מוטען, ע"ז וועט מען פארשפארען מוטען און אויסגעבען געלט וכו' וכו', נאר פועל'ן מ'זאל געבען א שמירה, ווארום עס איז דאך א שנה של בחירות, מאנט מען אפילו נישט נאר גלייך ווי ער הערט אז מ'וועט איהם געבען געלט פאר די הויז איז ער מסכים פארקויפען ... ... פארוואס בשעת עס קומט דיין פרנסה דארפסטו אנקומען צו יענעם אידען, ובעת צרתו ווילסטו נישט מאכען קיין שייכות צו איהם, נאר דו זאגט אז דער אויבערשטער וועט איהם העלפען, און דא טענה'ס זאל ער זיך אויך אויסקלייבען, ער איז דאך אבער אן ארימאן, און ער קאן דאס נישט טאן.

וואס דאס איז געווען מיין שיטה מקדמא דנא, אז די לויפעניש טויג נישט. ווארום עס איז נישט קיין ראי' אז דארט וועט זיין בעסער, און דער גוי ווייסט פון דעם, נאר צו דעם אידען דערציילט מען דאס נישט.

פארוואס נישט צו אנשטאט לויפען אהין, זאלסטו נישט מארגען זיין אזוי ווי עס האט געטאן ווילימסבורג, און וואשינגטאן ... און מ'האט דארט אופגעבויט נייע בנינים, און עס האבען זיך אריינגעקליבען אידען, און מ'האט מצליח געווען. (חסר קצת)

## יומן ש"פ קדושים, תשכ"ט

כ״ק אדמו״ר שליט״א נכנס להתוועדות כרגיל בשעה 1.30, ועשה קידוש, ניגנו איזה ניגון, אח״כ רמז כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ממצרים גאלתנו. השיחה הראשונה הייתה שבשבת מתעלים ימי השבוע שעברה ג״כ, ובמילא בשבת זו מתעלים גם ימי שביעי של פסח ואחרון של פסח, ובכן עכשיו הזמן להשלים את מה שחיסרו בהתועדות של אחש״פ, שאז מצד חוסר הזמן או מאיזה סיבה שתהי׳ לא נתבארו אותם הענינים.

ודיבר בהמשך להתועדות של אחש״פ, אח״כ אמר היות ובשבת זו עולים שש״פ ואחש״פ, אז מי שלא שתה את ארבעת הכוסות אז, מאיזה סיבה שהיא, יכול עתה להשלים את זה, ושזה יהי׳ סמוך מתוך שירות ותשבחות וכו׳ (הלשון אינו מדוייק כלל וכלל) וחייך בזמן שאמר זה, אח״כ אמר מאמר בניגון שיחה על התחלת הפרשה קדושים תהיו וגו׳.

בסוף השיחה שלאחר המאמר, אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א :

. . . וזהו ג״כ מה שהשבת נסעו שליחים למקומות רחוקים, בכדי להפיץ תורת החסידות ועי״ז יהי׳ גם לימוד הנגלה באופן אחר, וזהו השליחים שנשלחו לאוסטרלי׳, וכן השליחים שנסעו לקרית גת, וכן השליחים שיסעו לתורת אמת בירושלים, שע״י ובתוככי כל אלו שמפיצים את המעיינות שיקרבו את ביאת המשיח, וכן אלו היחידי סגולה שהם השליחים של אלו הנמצאים במדינה ההיא, שבאו לכפר חב״ד . . .

לפני ההתועדות הודיעו שכ"ק אדמו"ר שליט"א ידבר על הרש"י שעל הפסוק ואהבת לרעך כמוך. ולפני שהתחיל השיחה על הרש"י אמר: לפי הבקשה שיודיעו על איזה רש"י ידברו, הודיעו שידברו על הרש"י של ואהבת לרעך כמוך.

בסיום השיחה של רש"י אמר: . . . והנה בענין ואהבת לרעך כמוך כמו שזהו"ע של אהבת ישראל, כותב ע"ז אדמו"ר הזקן בתניא שזהו ע"י שעושים את נפשם עיקר וגופים טפל, ולכאורה בשביל מה צריכים גוף טפל, שלגמרי לא יהי' הגוף, אלא דזהו שאדמוה"ז אומר דאפי' שהגוף הוא עוד לא לגמרי טפל כבר יכול להיות הענין של אהבת ישראל אם רק הגוף טפל אע"פ שלא בטל לגמרי, וזהו ג"כ מה שאומרים גדולה לגימה שמקרבת, שהיו נותנים לגוף שהוא ישמח בעניניו ועי"ז תוכל הנשמה לשמוח בשמחת האלוקים שלה, וזהו אחד הטעמים מה שביו"ט יש חיוב בבשר שאין שמחה אלא בבשר שעי"ז שאוכלים בשר משקיטים את הגוף ממילא יכול להיות שמחה אלוקית,

וזהו מה שבהתוועדות חסידותית אע"פ שלא היו שותים הרבה מ"מ מעט היו שותים דזהו בכדי לשמח את הגוף וואס וואו ער האט אגילגינהייט כאפט ער אריין, ובנתיים יכול להיות הענין של גדולה לגימה שמקרבת, ולכן שתו קצת אע"פ שידוע השיחה של הרבי הנשיא שזה דבר מאוס וכו' איני רוצה להזכיר זה בשבת דפרש שבתכם לא קאמר, והנה כל דבר צריך להיות לו אחיזה בפועל ולכן לפני שידברו מענין אהבת ישראל כמשנה של פרקי אבות אומר לחיים, וכ"ק אדמו"ר שליט"א אמר לחיים ושתה, ואח"כ אמר:

איך האב קיינעם ניט מוציא געווען. ומיד כולם אמרו לחיים, ולאחר זה ניגנו ניגון שמח וכ"ק אדמו"ר שליט"א עשה בידיו הרבה והי' בשמחה.

ואח"כ אמר: החוקרים אומרים שמידיעת השלילה לא יכולים להגיע לידיעת החיוב, וא"כ לפי"ז קשה לכאורה ממה שדובר מענין עניית הלל לגר מה דעלך סני לחברך לא תעביד, שזו בענין השלילה של אהבת ישראל ואיך מגיעים לחיוב, אבל באמת כאשר מתנהגים באופן של השלילה הנ"ל מגיעים מזה אח"כ אל החיוב של אהבת ישראל, והנה כדברי הנשיא שלכל דבר ההוכחה הכי גדולה זהו ממופת חי,

ובכן גם בענין זה ראו עתה מופת חי, דאני לא אמרתי שישתו באופן חיוב אלא אמרתי באופן של שלילה שאינני מוציא את אף אחד, ומ"מ כולם הבינו שהם חייבים לומר לחיים, וזהו מופת חי לענין איך שמגיעים משלילה לחיוב, וזהו ג"כ בענין אהבת ישראל, וכפי המבואר שע"י ידיעת השלילה בענינים שלמעלה יכול להיות אח"כ קצת הכרה ואיזה השגה בידיעת החיוב, וכן עד"ז באהבת ישראל שעי"ז שמתנהגים באופן השלילה של מה דעלך סני לחברך לא תעביד, מזה מגיעים אח"כ לחיוב של אהבת ישראל.

אח"כ הי' שיחה על פרקי אבות על המשנה הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום, אוהב את הבריות וכו' שמדובר ג"כ מענין אהבת ישראל.

וכשיצא התחיל לנגן בני היכלא. ההתועדות נסתיימה בשעה חמש וחצי.

## חלק משיחת ש"פ במדבר מבה"ח וער"ח סיון תשכ"ט

. . . א חסידישער בחור, בשעת ער לערנט נגלה דארף אויף איהם זיין קענטיק אז ער איז א חסידישער בחור, און לערענט מיט א חיות ניט ווי די וועלכע גנב'נען ענינים, און קומען דערנאך און מען בארימט זיך מיט דעם, אז ער איז דער וואס האט עס, און נעמט א צעצקע א מאשינקע, און מ'שטעלט אונטער, בכדי הערען וואס מ'רעדט אויף יענעם זייט טיר, בכדי אז דערנאך איז חכם יתקרי' חסיד יתקרי' און קונצענמאכער יתקרי'.

זיי פריער לכה"פ קלאהר אין קיצור שלחן ערוך, און טו פריער וואס עס מאנט זיך פון דיר, דערנאך ועסטו טראכטען אויף אנדערע ענינים, איי דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געגנב'ט מאמרים און אונטערגעשטעלט דעם טעלעפאן הערען ווי זיין טאטע דער נשיא הדור פירט זיך בימיו, איז ער אבער פריער שוין געווען קלאהר איז די אנדערע מאמרים וואס ער האט פריער געהאט, און האט עס אדורך געטאהן אליבא דנפשי', ממילא האט ער דערנאך געוואלט האבען נאך א מאמר, הערען ווי דער רבי נ"ע דאוונט און לערנט, במילא האט ער דערנאך אליין געדאוונט א שעה לענגער, ובאריכות יותר האט ער געוויינט ביים דאוונען.

איז במה דברים אמורים אז ער האט שוין אדורך געפירט אלץ וואס מען האט געמאנט פון איהם, ער אבער, ניט ער לערנט וואס מען הייסט איהם לערנען, ניט ער ווייס אפילו קיצור שו"ע, ניט ער ווייסט תניא בעל פה, איז הארעווען פוילט ער זיך, ווארום זה לא ענינו, ער האט ניט קיין שייכות מיט הארעווען, ביי אים עולמך תראה בחייך, ער איז ביזי ער דארף טראכטען ווי אזוי אונטער שטעלען א נייע מאשינקע מארגען. וואלט ער דאס געטאהן מצד הקדושה.

וואלט ער פריער דורכגעהארוועט דאס וואס מען מאנט פון איהם, לערנען חסידות, לערן חוץ לסדר, לערן אין סדר גופא, איז ערשטענס אפילו אין סדר לערנט ער אויך ניט, און די מאמרים וואס ער דארף יע לערנען לערנט ער אויך ניט, והראי׳ דארטען שטייט אז מען טאר ניט געב׳ענען, און אז מען דארף לערנען און ער טוט ניט אזוי ער דארף זיך איינהערען וואס מען רעדט אונטער דעם טיר, ס׳איז דאך א העזה! . . . היפך השו״ע . . . היפך דאורייתא . . . היפך דרבנן . . . היפך מנהג ישראל און היפך דרכי החסידים . . .

דער אלטער רבי וואס האט פריער דורכגעלערנט זעכצען מאהל ש״ס צי צוועלעף מאהל לויט דעם זמן, ער האט דאס געקענט טאהן, דו אבער ווי גלייכסטו זיך צו דער אלטער רבי, אז דו ווערסט פריער טאהן וואס דו דארפסט, פריער טאהן דאס וואס דער אלטער רבי האט געטאהן, דעמאלט ווערסטו דאס קענען טאהן, ווי דער אלטער רבי האט געזאגט אז מים גנובים ימתקו, דאס אבער איז נאהר שייך צו דעם אלטען רבי׳ן, אויף דעם איז ער געקועמן דא אין ברוקלין, בכדי מאכען אזעלכע קונצען . . .

אברהם פאריז האט דער רבי געוואסט פון דעם, דער רבי נ״ע האט אויך געוואוסט פון דעם, ער האט געלערנט חסידות, און ער איז געווען א אמת׳ער חסידיש׳ער תמים, אבער דו בחור׳ל . . ביסט דאך אפרוחים שלא נפקחו עיניהם . . .

ר׳ אייזיק האמילער האט געשריבען אין צעטל אז ער בעהט א מאמר פון דעם אלטען רבי׳ן, אז דאס איז איהם נוגע בנפש ממש . . דיר איז דאס נוגע בנפש? גנב׳ענען בריעף און מאמרים, בשעת לערנען לערנסטו ניט אפילו וואס דו דארפסט? און ער רעדט זיך איין אז דאס איז שפיץ חב״ד און דעם איז שפיץ תמימים . . . דער אלטער רבי איז אין לו יצה״ר כי הרגו בתענית, דו אבער איז דאס מצד גאוה וישות.

וואס דו ווילסט זיך אויספיינען אז אלע זאלן זאגן, אז דו ביזט דער וואס האט דעם מאמר. דאס וואס איך האב דערציילט די מעשה בנוגע לכ"ק מו"ח אדמו"ר אז ער האט זיך אונטער געהערט אונטער דעם טעלעפאן, און אויך אפגעדרוקט טענה'ט ער אז בהשגחה פרטית האט ער דאס געזעהן איז דאך זיכער אז דאס איז איהם אויך נוגע אז אזוי דארף ער אויך טאהן.

איז אבער די הוראה בזה אז לאחר כל זה וואס ער טוט וואס מען מאנט פון איהם, דעמאלט איז מים גנובים ימתקו, ער אבער טוט דאס פארוואס? ווייל חכם יתקרי' קונצענמאכער יקרי', עס זאל איהם צוקועמן אין ישות וגאוה, בכדי אז ער זאל קענען שרייבען אין אוסטראליא און אין ארץ ישראל אז ער איז דער איינציגער וואס האט זיך דערגרונטעוועט אויף צו באקומען דעם בריעף, און וויסן וואס פלוני בן פלוני האט גערעדט מיט פלוני בן פלוני ביום פלוני.

מ'שטעלט אונטער אן אלטען אידען און מ'פראוועט שפיצלאך ער זאל פרעגען שאלות, או דערנאך ווערט חדוה בעולם ווי עס שטייט אין זהר אז בשעת עס איז פאראן חדוה למטה דעמאלט איז פאראן חדוה למעלה, איז אויב דו ווילסט חדוה זעטץ זיך לערנען וועט זיין פקודי ה' ישרים משמחי לב, מ'פאסט צו א שליסעל און מ' גייט אריין אין צימער און מען גנב'ט א בריעף, און מ'גייט און מ'שטעלט זיך אונטער דעם טיר, און מ'צברעכט שלעסער, מ'שטעלט אונטער א מאשינקע וואס מען רעדט, וואס דאס איז היפך השו"ע, נאהר צוליב זיין גאוה און ישות, ער קריכט צום פענסטער, און גנב'ט ארויס א געסטעמפעלסטען מאמר, און בארימט זיך פאר יענעם אז יענער האט א געדרוקטען מאמר און ער האט ע געסטעמפעלסטען מאמר, ער האט א בריעף, צו האסטו געטאהן וואס שטייט אין בריעף . . .

דער אלטער רבי האט פריער דורכגעלערנט זעכצען מאהל ש"ס, אברהם פאריז איז געוועז א חסידישער איד און דער רנ"ע האט אויף איהם געזאגט אז תבוא

עליו ברכה, און הלואי וואלטן אויך אנדערע גנב'ענען, אבער דו וואס קריכסטו פאלג וואס מען הייסט דיר, ער גייט אריין אויף יחידות און מ'זאגט איהם א הוראה, און דערנאך פארשרייבט בדיוק, אויף מארגען שיקט ער אריין מארגען איך זאל זעהן צי עס איז בדיוק, און מען ענטפערט איהם.

איז איבער א יאהר, קומט ער אריין נאכאמאהל קאלט בלוטיק, און שרייבט קאלט בלוטיק אז הגם ששמע כבר, פונדעסטוועגן האט ער ניט געטהן נאהר אזוי ווי דאס איז א מנהג אריין גיין פאר יום הולדת במילא גייט ער אויך אריין, האט ער ניט קיין אנדער ברירה און טוט מיר א טובה, און גייט אריין אויף יחידות. נאהר לאו עכברא גנב אלא חורא גנב, עס דארפן זיין מדריכים, עס דארפן זיין משגיחים ר' ישיבות משפיעים אבער ניט די בחורים ווייסען וועגען דעם און ניט די משפיעים ווייסען וועגען דעם, ואין פוצה פה ומצפצף.

כ'האב שוין געזאגט כמה וכמה פעמים נאהר מען גיט זיי ניט איבער און טאמער ער גייט צו צו א משפיע ענטפערט מען איהם מיט א גלייך ווערטעל, און ער גייט אוועק שפאצירען אויף איין זייט און דער בחור גייט אויף דעם אנדער זייט. און פון דעם קומט שפעטער ארויס אז עס איז פאראן גניבות, מיט שליסלאך מיט א מאשינקע . . .

און בשעת ער גייט ארויס פון צימער, פאטאגראפירט מען איהם ווי פלוני בן פלוני שפאצירט און ווי ער גייט ארויס און ווי ער גייט אריין און דערנאך שרייבט ער אז טאמער ווילסטו זעהן א פיקטשער פון פב"פ ווי ער רעדט מיט פב"פ, בין איך דער וואס האט עס, און קיינער האט עס ניט, עולמך תראה בחייך, וואס דארף ער הארעווען, ער האט עוה"ז ער האט עוה"ב, ער דארף אבער טראכטען וואס פארא מאשינקע ער קען דערקאשען אויף מארגען, בכדי וויסען וואס פב"פ וועט ריידען מיט פב"פ.

שוויץ א ביסל האסט א יצה"ר לערן תורה שלא לשמה, דער אלטער רבי פסק'נט אז מתוך שלא לשמה בא לשמה, ער אבער האט מורא טאמער וועט ער סוכ"ס צו דעם צוקומען. ווארום ער האט א חסידישער טאטע און מאמע, ובמילא יראה בעיניו וכו' און וועט צוקומען צו דעם, ובמילא טרייסעלט ער זיך אפ דערפון.

ער שטייט אנטקעגען מיין פנים און איז מגהק און מפהק. וואס שטייסטו אנקעגען מיר, געהערט א הידור והי' עיניך רואות את מוריך, דארף ער זיך פונקט אנטקעגן מיר אוועק שטעלען און גענעצן . . . און קוקען אויף מיר בעת חזרת הש"ץ. ס'איז דאך א חוצפה, ווילסט גענעצן גיי ערגעץ אנדערש פונקט אנטקעגען מיר. . .

קוקט ער אויף מיר, קוק איך אויף איהם צוריק, און איך ווארט וואס וועט זיין ווען דער ש"ץ וועט זאגן ברוך הוא וברוך שמו, צי ער וועט ענטפערן, ענטפערט ער ניט . . . ער איז פארנומען אין קוקען אויף מיר, ווארום והי' עיניך רואות את מוריך, קען ער בשעת מעשה ניט ענטפערן ב"ה וב"ש ווארום ער קען בלויז טאהן איין זאך מיט איין מאהל ער איז א פנימי . . . ער איז ניט קיין חיצון . . .

אויף אלע אנדערע ענינים, של מה בכך האט ער גענוג צייט, ער האט אפילו צייט אויף לייענען א פייפער . . . וואס פארא גנב'ענען זיך און לערן און היט די סדרים, טוט ניט ענינים של מה בכך, מען רעדט ניט וועגען עובר זיין איסורים דאורייתא און איסורים דרבנן.. אין מיטען חזרת הש"ץ קוקט ער אויף מיר און אזוי ווי ער האט ניט וואס צו טאהן במילא גענעצט ער מיר אין פנים, והי' עיניך רואות את מוריך, וכמדובר כבר בנוגע לאסור להסתכל בפני הנשיא, נאהר אדרבה עס איז געווארען נאך מעהר ביתר שאת ויתר עז.

ווען טוט ער די אנדערע זאכען ווען איך בין ניטא אין ביהכנ"ס, ווען איך בין דא, קוקט ער אויף מיר, און דערנאך קען שרייבען אז ביום פלוני לשבת פלוני, האט יענער געענטפערט ברוך הוא וברוך שמו . . . און צושיקט די מאמרים, פרעגט מען איהם האסטו געטאהן וואס עס שטייט אין די מאמרים, האסטו געטאהן וואס עס שטייט אין בריעף וואס עס שטייט דארטען ווייסט ער ניט, דארפען שטיין אז מען דארף הארעווען און לערנען נגלה און חסידות, ענטפערט ער איך בין אן ערוואקסענער בחור, וואס איז דיינע ביזנעס וואס עס טוט זיך מיט מיר, גענוג וואס איך בין זיך מוסר נפש פאר דיר און באקום דעם מאמר,

מ'שטייט און מען קוקט אויף מיר, און עס שטייען עלטערער בחורים, משפיעים, ואינם מוחים בזה כלל, ומדשתיק אודי לי' און מען שיקט אוועק, אז אין ישיבה פלוני וואו פב"פ אין ר"י, און וואס איז פארבונדען מיט דעם און דער חדר, טוט מען אזוי און אזוי ובמילא ווערט עס א הנהגה חסידותית. האב איך גערעדט וועגען דעם איין מאהל, האט ער ווייטער געקוקט ביתר שאת ויתר עז, במילא האב איך ווייטער גערעדט וועגן דעם, במילא וויל ער צלהכעיס כדי עס זאל זיך ריידען וועגען דעם נאכאמאהל, ובמילא וועט צוקומען נאך א סטעצעל, און נאך א פאהר עמודים ובאמת האפט מען אז מען זאל ניט דארפן ריידען וועגען דאם נאכאמאהל, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט צוויי מאהל וועט ער ריידען וועגען א ענין דריי מאהל אבער ווערט עס א חזקה, און עס איז ניט גוט ניט פארן שומע און ניט פארן אומר.

מיר אבער איז דאס פשוט מבלבל, פארמאכען די אויגען, פירט מען זיך ניט אזוי, און אפשר וועט מען במשך הזמן אזוי דארפן טאהן, ס'איז מיר פשוט מבלבל, ווילסט גנב'ענען, גנב'ע פון דיין קעשענע אין דיין רעכטע קעשענע, גנב'ע ביי א צווייטען, וואס שלעפסטו אהינצו קדושה, וואס דארף דער יצה"ר דערפון האבען א

יניקה, וכמבואר אז אזעלכע גניבות ברענגען אויך צו אנדערע גניבות . . . עס איז פאראן תורה און מצוות אבער זיי זיינען ניט פארבונדען זה לזה, ווי דער רבי האט געזאגט אז דער לאקאמאטיוו און די וואגאנען, זיינען ניט צוגעטשעפעט . . . ואין פוצה פה ומצפצף, ביז אז דער גאנצער שטורעם האלט אן פאר א . . . מ'וויל עס פארשרייבען און פאנאדער שיקען, און ביי דעם בלייבט עס.

דא קומט צו נאך א ענין וכמבואר באגה"ק אז עס איז פאראן א כסיל סתם וואס שעמט זיך, און האט שכל, דערנאך איז פאראן אנדערע וואס שעמט זיך ניט און איז מגלה קלונו ברבים . . . אזא הנהגה וועט מקרב זיין משיח'ן?

ויש להאריך בזה כמה וכמה, נאהר איצטער בכלל, וואס איז שבת און פאר שבועות דארף מען זיך גרייטען אויף קבלת התורה, נאהר בשעת עס גייט ארויס פון הגבלות וכאמור אין פוצה פה ומצפצף, ואין קול ואין עונה . . .

ומסיימים בדבר טוב, וואס רש"י זאגט ר' יהודה ב"ר שלום, וואס שלום איז ענין השלמים, וואס קרבן שלמים קומט פון א גרעבע בהמה, דוקא דערפון קומט א קרבן שלמים, ניט פון א עוף, וואס ביי א עוף איז מספיק איין סימן, נאהר א בהמה וואס מיט איין סימן קליין קען מען נאך ניט וויסען.

איז דוקא ע"י זה קומט דערנאך דעם . . . וואס הבעלים אוכלים וכו' ביז אז עס פועל'ט ענין השמחה וואס אין שמחה אלא בבשר, און דאס קומט ע"י יהודא וואס דאס איז ענין ההודאה אז מודה ועוזב ירוחם, ניט אז ער שרייבט אריין א צעטל, און מודה ועוזב און ביי זיך לאזן א קאפי דערפון, און דערווארט וואס דער רנ"ע האט דערציילט פון ר' דוד הירש וואס ער האט געזעהן ווי איינער דאווענט, האט ער געזאגט אז ער האט זיך מוחל געווען . . .

**דיבר בענין השלום, שלמה שלמה שמו ושלום יהי' בימיו . . קבלת התורה בשמחה ובפנימיות.**

ꟷꟷ

**ש"פ חו"ב, י"ב תמוז, תשכ"ט -** הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס פרעגט רש"י וכי נחש ממית נחש איז בפירוש יע ממית, ווארום ס'איז דא די גזירה מלמעלה (בראשית ג, טו) הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב, אז א נחש איז ממית און רש"י זאגט עס א צוויטן מאל (ווי מען האט גערעט) בנוגע דעם ענין פון כשר שבמצרים הרוג טוב שבנחשים רצוץ את מוחו אין פ' בשלח (יד,ז) אז דאס איז ביי א נחש אזא טבע מען קען דאס ניט משנה זיין, דערפאר איז אפילו טוב שבנחשים רצוץ את מוחו איז וואס איז די קשיא וכי נחש ממית?

וכפי שית' לקמן די אלע דיוקים, און ווי זיי זיינען מוכרח בדרך הפשט, אז פריער בשעת ס'איז געשטאנען וימת עם רב איז ניט געווען קיין קשיא וכי נחש ממית, נאר דוקא נאך דעם וואס רש"י זאגט אפי' כלב אפי' חמור שטעלט זיך די שאלה וכי נחש ממית, וכפי שית' לקמן.

מ'איז דאך רגיל אין די התוועדות'ן פון זמנים האחרונים לערנען אויך אגרת התשובה, וויבאלד אבער אז מען האט גערעט פריער וועגן די אלע טענות וואס איך האב וועט מען ריידן פריער וועגן די טענות איך האב בנוגע פרש"י פון די פריערדיקע התוועדות, וואס מ'האט געלאזט באמצע הענין און מעט האט געמיינט אז עמעצער וועט זיך אפרופן פרעגן א קשיא, וואס איך האב געווארט א פאר וואכן אפשר וועט אימצער פרעגן די שאלה וכמדובר כמה פעמים אין קול ואין עונה.

וואס בנוגע דעם דין אז מען מעג זאגן א זאך וואס איז ניט אויס געהאלטן, לחדודי. האב איך געטראכט ווי איז דער דין אויב מען האט שוין אויסגעפרובט דריי מאל און ס'האט ניט געהאלפן, אז ס'איז ניט געווען דער לחדודי איז יעמולט ווערט דאך לכאורה א חזקה, אז אויך די פערטע מאל וועט דאס ניט העלפן איז א שאלה צי מען מעג זאגין א זאך וואס איז ניט אויסגעהאלטן, וויבאלד אז דאס העלפט סיי וי

ניט, האב איך געטראכט אז וויבאלד עס איז אלע מאל פאראן א פנים חדשות איז טאקע די וועלכע קומען בכל פעם צו דער התוועדות איז אויף זיי טאקע א חזקה אז ס'וועט ניט העלפין ס'איז אבער אלע מאל דא א פנים חדשות איז פאר אים ניט קיין חזקה מעג מען זאגן אזאך וועלכע איז לחדודי, אפשר וועט ער זיך אפרופן, משא״כ די וועלכע זיינען אלע מאל דא וועט עס ניט העלפן.

וואס יעדער זאך דארף מען זיך אפגלייכען צו רבותינו נשיאנו, ווארום אנדערש איז דאס א ענין וואס איז זיין מציאות – וועט ער ניט אננעמען, בשעת אבער מ'גלייכט דאס צו רבותינו נשיאנו איז נחה דעתו.

וואס עס איז דא א סיפור, איך האב עם ניט געהערט פון שווער, נאר חסידים דערציילען דאס, אז פאר דעם וואס דער בעש״ט איז נתפרסם געווארן האט מען איהם רודף געווען, און מ'האט געוואלט מגלה זיין אז ער קען ניט לערנען, במילא וועט מען נאך איהם ניט גיין.

איז בשעת ער האט געקומען אמאל צו א שטאט איז ער געגאנגען צום רב אדער צום בי״ד פון וועמען ער האט געדארפט האבן א רשיון טאן אין שטאט, האט יענער איהם געפרעגט, וואס יעמאלט איז געווען ר״ח אדער ערב ר״ח, האט עם איהם געפרעגט א הלכה לפועל, ווי איז דער דין אויב איינער פארגעסט יעלה ויבוא ר״ח (צו מעריב?)

וואס דאס איז א דין אין אוה״ח, וואס יעמאלט זיינען אלע געווען בקי אין אר״ח, אפילו די פשוטע אידן, האט ער איהם דער בעש״ט געענפערט וועמען איז דאס נוגע? מיר איז דאס ניט נוגע ווייל איך וועל ניט פארגעסען אויך דער ערשטער מאל, און דיר איז דאס ניט נוגע ווייל דו וועסט ניט גדיינקען אויך דעם צווייטען מאל,

וכך הוה אז מארגן ביי שחרית . . . ווייל בא מעריב איז דאך דער דין אז מען דארף ניט איבער שטיין, האט ער פארגעסען אויך דעם צווייטען מאל.

ועד"ז איז אויך דא אז וויבאלד אז עס האט ניט געפועל'ט דעם ערשטען מאל וועט דאס דעם צווייטען מאל אויך ניט העלפען . . .

. . . בהמשך צו דעם וואס מען האט גערעדט פריער ס'איז דא נאך א ענין וואס והנחש הי' ערום וואס מ'איז א קלוגער וואס היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך ביז ער זאגט לך עבוד ע"ז, וואס מצד דעם קען מען טאן א ענין וואס איז אסור מדרבנן און אסור מדאורייתא, א לאו גמור וואס דאס איז געווארען אן ענין פון הפקירות ובלתי סדר ובלתי אחריות, וואס מ'איז דאך פרומער אידן, איז טאר מען דאס ניט טאן,

וואס דאס אלץ קומט בהמשך וואס ס'איז שוין נײנצן יאר זינד תש"י וואס מ'שרייבט מיר ניט אריין וועלכע בחורים קענען הונדערטע בלאט גמרא בע"פ, וואס איך בין ניט חושד אז עס איז ניטא צווישען די בחורים די וועלכע קענען הונדערטע בלאט גמרא און מאמרים בע"פ, וואס אויב מ'וואלט מיר אריין געשריבען וואלט ער הערען א גוטווארט וואלט דאס אריינברייננגען א חיות אין לערנען, וויבאלד אבער קיינער שרייבט מיר ניט ובמילא הערט ער גארניט אויף דעם.

זעהט ער אז דאס איז קיינער ניט נוגע ובמילא טראכט ער מהיכא תיתי, וואס ווי דער ענין איז געווען פריער ווייס איך ניט ס'ניט געווען על אחריותי, איצטער אבער איז דאס אויף מיין אחריות, איז אויב ער איז א מרה שחורה וועט ער זיצען און לערנען ווייטער כאטש אז ער הערט ניט עפעס וועגען דעם, אבער אויב ער איז ניט קיין מרה שחורה קען ער אנהויבן טאן אנדערע זאכן.

פארוואס וויל מען ניט שרייבן וועגען דעם איז עס מצד דעם וואס דער בחור וועט האבן דערפון ישות און מען וויל ניט מאכן אז א בחור זאל האבן ישות. וואס אמאל אין ליובאוויטש האט מען באווארענט אז א בחור זאל ניט האבען קיין ישות, ובמילא דארף מען דאס אויך דא באווארענען. אין ליובאוויטש האבען די (בחורים?) ניט געליינט קיין פייפערס, און דער ראש ישיבה האט ניט געטראגען קיין טיי, און דער משפיע וכו'... וואס אין כאן המקום להאריך בזה, בשעת אבער מ'האט אלע ענינים דארף מען דאך לערנען תורה אפילו ווען עס וועט צוקומען דערפון ישות.

ער טענה'ט דאך אבער אז ער איז א חסיד און ס'דארף זיין ביטול, וואס דער ענין הישות פאסט פאר א ליטווישע אדער א מתנגדישע אבער ניט פאר קיין חסידישע, איז אבער דער אלטער רבי פסקנ'ט א פסק דין אין שו"ע אז לעולם ילמד אדם תורה שלא לשמה, און דער אלטער רבי איז געווען א חסיד און ער זאגט אז מ'דארף לערנען תורה אפילו שלא לשמה. וואס וויבאלד אז ער זאגט לעולם איז א ראי' אז ס'ניטא קיין אנדערע וועג צוקומען צו לשמה סיידען דורך שלא לשמה.

ער אבער וויל ניט לערנען תורה צוליב ישות, וואס אמאל האט א חסידישע בחור זיך בארימט מיט וויפיל הונדערטע בלאט גמרא קען ער בע"פ און וויפל צענדליקע מאמרים בע"פ קען ער, היינט אבער מיט דעם וויל ער ניט בארימען זיך ווארום דאס אין אז ענין פון ישות. איז במילא וואס טוט ער, ער פאסט צו שליסעלאך און עפענט טירין און גנב'ט מאמרים, דערנאך שטעלט ער זיך אונטער אין טיר הערען וואס טוט זאך אויף יענער זייט טיר, טאמער איז דא א העלם והסתר וואס לאזט ניט הערען נעמט ער עפעס אויף וואס צוברעכען דעם העלם והסתר און דוקא הערען, און מ'האט שוין גערעדט אמאל וועגען דעם בארוכה, וואס איך וויל ניט רעדען וועגן דעם, וואס ס'איז א שאד די צייט פון שבת רעדען וועגען דעם.

דערנאך איז צוגעקומען א דבר חדש, אז בשעת ס'דא א פארברייינגען בימי החול וואס יעמאלט איז מותר די ל"ט מלאכות, איז נעמט ער און שנייט אריין אין די וויירס בכדי אז ער זאל קענען מאכען א טייפ און ער זאל האבען אלץ וואס עס האט זאך גערעדט. וואס בשעת מ'האט מיר דערציילט וועגען דעם האב איך געפרעגט וואס דערציילט ער מיר וועגען דעם, ס'איז דאך דא ראשי ישיבות מיט משפיעים און משגיחים און מדריכים און א ועד המסדר, דערצייל זיי, זיי זאלן עפעס טאן וועגען דעם.

האט ער מיר געענטפערט אז ער האט שוין מיט זיי גערעדט און ס'האט גארניט געהאלפן, און אויב איך וועל רעדען וועגען דעם וועט דאס העלפען, און אויב ניט איז פארפאלן.

דארף איך טאקע וועגען אלץ רעדען? דאס איז ניט מיין תפקיד, ס'דא די וואס דארפן רעדען וועגען דעם, איז פארוואס דארף איך וועגען אלץ רעדען? נאר מצד והייתם נקיים מה' ומישראל וואס דאס איז געזאגט געווארן אויף אלע אידן, ניט קיין חילוק צו אן אדם גדול צי אן אדם קטן צי אן אדם בינוני, מילא דארף איך אויך וועגען דעם ריידען מצד והייתם נקיים.

וואס דאס איז אן ענין פון בל תשחית מיט אן איסור גזל, און אפילו אז ער טענה'ט אז ער וועט שפעטער באצאלן פאר דעם, איז דאס אבער א גזל הרבים וואס ס'איז דא א שקלא וטריא אין פוסקים ווי דארף זיין די השבה, און כאמור אין קול ואין עונה.

דערנאך, אז אפילו בשעת ער האט די עצה אויף צו שטעלען א טייפ על הצד וואס דאס שטערט קיינער ניט, איז אבער מצד דעם הערט ער ניט די פארברייינגען, און ער זארגט וואס טוט זאך מיט זיין טייפ, אפשר וועט ער פארפעלען א שורה וואס

דער חבר וועט דאס האבען, במילא הערט ער ניט די התוועדות און ער טראכט אז איצטער קוועטשט מען איהם און מ'שטופט איהם קען ער סיי ווי ניט הערען, ממילא שפעטער וועט ער אהיים גיין און אויסרוען זיך און טרינקען די דזוס, און שפעטער וואס ער קענען הערען די טייפ רואיקערהייט.

און בשעת די התוועדות, זיצט מען און מ'קוקט ארום זען וואס טוט זאך מיט א גוי, וואס בשעת מ'רעדט תורת הבעש"ט וועגען אמן יהא שמיה רבא אין א זמן וואס אתה בחרתנו מכל העמים, נאך צווי גאנצע מעל"ע.

איז אין דעם סיום פון דעם יו"ט ביי דער התוועדות זיצן זקני אנ"ש, אלטע תמימים, און קוקן וואס טוט זיך מיט א גוי, צי ער שמייכלט וכו', און די תורת הבעש"ט איז עם ניט נוגע, דאס דארף ער ניט הערען, דאס וועט ער קענען ליינען שפעטער אין די רשימה, און וואס איז עם נוגע, דעם ענין פון ברוך תהי' מכל העמים. וואס זאל ער טאקע זיין געבענטשט און האבען אלע ענינים וואס ער דארף אבער וואס איז דאס נוגע אין מיטן די התוועדות?

וואס מילא אויף זיי קען מען קיין טענות ניט האבען, זיי זיינען שוין ארויס פון קב"ע, בין איך אויף זיי קיין בעל הבית ניט. פונקט ווי אויפ'ן גוי בין איך ניט קיין בעל הבית. אבער דערנאך קוקן אנדערע אויף זיי, וואס פארוואס טוט א יונגערע אזוי, מצד ווייל ער קוקט אויפ'ן פאטער און אויפ'ן פעטער און אויפ'ן מדריך.

און שפעטער בארימט ער זאך מיט דעם וואס ער האט א טייפ, און ער בארימט זיך אז א העתק פון זיין טייפ האט מען געשיקט קיין ירושלים, און אין ברונא, און אין מעלבורן, און ער חתמ'ט אונטער שמו ושם אביו אז מ'זאל ווייסין אז דאס איז א העתק פון זיין טייפ. און כאפט זאך גארניט אז ער חתמ'ט אונטער אז ער האט געטאן אן ענין פון גזילה און אן איסור פון בל תשחית. און ער איז גארניט

שולדיק אין דעם, ער ווייס ניט. דער ר"י זאגט איהם גארניט און דער משפיע זאגט איהם גארניט, און דער משגיח זאגט איהם גארניט, און ס'שטיין ארום עלטערע בחורים און קוקן און זאגען גארניט, זאל מען איהם זאגען איין מאל, און אויב דאס העלפט ניט זאגען א צווייטע מאל און א דריטע מאל עד מאה פעמים ווי דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ק, און כאמור אין קול ואין עונה.

און איך דארף אלץ זאגען, און איך דארף האבען די עגמ"נ און די הארץ ווייטאג, און רעדען אן ענין וואס איז ניט מייט תפקיד. וכידוע אז ימים יוצרו ולא אחד מהם, אז מ'גיט יעדערן כוחות און גייט דורכפירין זיין תפקיד וואס ער דארף טאן, און אויב ער נוצט דאס אויס ניט אויף זיין תפקיד, פעלט דאס שפעטער די ענינים וואס ער דארף יע טאן. און פארוואס דארף איך רעדען וועגען דעם, איז א קשיא ווי די ריבוי קשיות וואס איך האב.

און דערנאך קומט ער אהיים מיט'ן טייפ, און דער טאטע איז גאר צופרידין אז דער זון האט א שורה וואס דער חבר האט ניט. וואס אמאל א טאטע בשעת דער קינד איז אהיים געקומען האט ער עם פארהערט וויפל בלאט גמרא ער קען. אבער היינט איז דער טאטע אליין אזא וואס מ'דארף עם אליין פארהערען. ס'דא אבער די וועלכע האבען געלערנט אין תומכי תמימים, און פונדעסטוועגען טוט מען גארניט און מ'בארימט זיך מיט'ן טייפ, און מיט דעם האלט ער אז ער איז א חסיד, וואס דאס איז אן ענין וואס איז געווען הייליק אזוי פיל יארן, וואס מישט דו אריין קליפה און ישות אין דעם? ווילסט ניט הערען די התוועדות, קענסט גיין א היים זיצן און לערנען א בלאט גמרא אדער א מאמר חסידות רויהעקע רייט.

ווי קומט עס פארט אז ער זאל דאס אזוי טאן? דאס איז דאך אן ענין פון בל תשחית? טענה'ט ער אז בל תשחית דגופא עדיף! ס'איז ע"פ דין אזוי. עס איז נוגע בנפש ממש אז יענער זאל וויסן אז ער האט א טייפ, איז במילא בל תשחית דגופא

עדיף, מעג ער דאס טאן. אויב אבער ער וואלט געזעצט לערנען או בארימען זאך אין לערנען, וועט דאס ניט זיין נוגע בנפש אז יענער זאל וויסן אז ער האט א טייפ.

טענה'ט ער אבער אז אינו יכול! ס'פארפאלן, ער קען ניט לערנען! אפשר איז דאס אינו רוצה? ניט אינו יכול?

זאגט ער אבער עכ"פ אז ביז מארגען איז אינו יכול. וואס עס וועט זיין שפעטער וועט מען זען. ובמילא קומט אויס אז מ'נעמט די טייפס, און מ'איז עובר די אלע איסורין. וואס ניט אויף דעם זיינען זיי געקומען אהער צו.

דערנאך בשעת די בחורים פון ארץ ישראל גיין צוריק, ווערט די זעלבע זאך דארט'ן. דאס וואס דארף זיין כתרי מנן איז דאס אן ענין וואס שטייט אין גמרא. דאס וואס איך ווייס אבער, אז מ'האט מיט געשיקט א ספעשעיל דעליבערי לעטער אז מ'האט צוגעפאסט א שליסיל און מ'האט געגנב'ט בריף. און ס'האט דארט'ן צוגעשריבען אז טאמער וויל איך א קאפי קען איך דאס האבען.

וואס אפילו אז דער כללות ענין פון א טייפ האט מען מתיר געווען, דארף טאקע יעדער בחור האבן א טייפ? בארימען זאך מיט א טייפ איז ניט קיין דרך, ניט נאר פאר קיין ליטווישע און פאר קיין מתנגד, כש"כ פאר קיין חסידישע. איי, וואס וועט זין מיט שיקען די טייפ צו אלעמען, איז דאך דא די וואס טוען אין דעם, און דאס איז ניט דיין ענין. א בחור דארף זיצן און לערנען, און ניט בשעת די התוועדות דארף מען זיין פארנומען מיט די טייפ.

ווילסט ניט הערען די התוועדות, קענסט דו גיין אן א באזונדער חדר רויהיקער הייט, און דארט לערנען גמרא ומאמרי חסידות. און דאס וועט אויך אויף דיר פועל'ן. און דו קענסט אפילו מיט נעמען א בעל הבית מיט זיך, זאל ער אויך גיין

מיט דיר לערנען, און איך וועל קיין פאריבל ניט האבען אויף דיר און אויך ניט אויפ'ן בעל הבית, און דו קענסט אפילו מיטנעמען דעם גוי מיט דיר, וואס איך בין ניט קיין בעל הבית אויף דיר אויך ניט אויף דעם קומען פון דער גוי וואס האט גורם געווען דעם גאנצען ענין. און איך וועל קיין פאריבל ניט האבען און דער אויבערשטער וועט אויך קיין פאריבל ניט האבען.

וכאמור אז דאס איז ניט מיין ענין רעדען וועגען וואס דאס איז אן ענין פון היפך הטוב והיפך החסד וועלכע איז היפך טבעי און ניט תפקידי, און ניט אויף דעם זיך איך אויפ'ן ביינקעל.

המורם מכל האומר, אז אם בקולי תשמעו, זאל מען מער ניט שטעלען קיין טייפס, און אפילו ניט מן הצד וואס איז קיינעם ניט מזיק, און די וואס האבען דאס געטאן זאל'ן אויסחזר'ן מאה ואחד דפים גמרא בע"פ או גאנץ אגה"ת, וכולי האי ואולי וועל איך פועל'ן אויף איינען צו צוויי צו דריי . . .

## חלק משיחת ש"פ מקץ תשל"א

. . . ווי מ'רעדט שיין וועגען ענינים וואס איך דארף זיי משלים זיין, איז פאראן נאך אן ענין, וואס ניט איך האב געדארפט ריידן וועגן דעם, אבער בכלל אז עס קען נישט דורך גיין א פארברייינגען אן טענות, איז פאראן נאך אן ענין און דאס איז בנוגע צו דער שכונה.

וואס אימיצער האט מיר געשריבן אז מ'טוט וועגן דעם שכונה בהתרשלות, האב איך גיענטפערט אז ס'איז ניט שייך צו זאגן התרשלות, התרשלות איז שייך צו זאגן בשעת מ'טוט עפעס, נאר מ'טוט ניט כפי היכולת, מ'קען טאן בעסער, הייסט דאס התרשלות, אבער בנוגע צו דער שכונה טוט מען בכלל גארניט, איז ניט שייך צו זאגן התרשלות.

פארוואס טאקע טוט מען גארניט? איז דאס א בפירוש'ע גמרא, שב ואל תעשה עדיף. איז וויבאלד אז שב ואל תעשה עדיף, זיצט ער און טוט גארניט.

אבער באמת איז דאס ניט ריכטיק, ווארום ווען זאגט די גמרא אז שב ואל תעשה עדיף, איז דאס דוקא ווען דורך זיין שב ואל תעשה מאכט ער ניט אויף קיין חסרון, אבער אין דעם ענין דורך דעם וואס מ'טוט גארניט, פועל'ט ער א הירוס אין דער שכונה, און ער פועל'ט א הירוס וחורבן אין די בתי כנסיות ובתי מדרשים און אין די שיעורי תורה ברבים, און אין די מוסדות, און ער פועל'ט א הירוס פאר אלטע אידן און יונגע אידן און פאר קינדער וכו', קען מען ניט זאגן שב ואל תעשה עדיף.

מ'מאכט אן אסיפה און בשעת האסיפה איז מען מחליט טאן דאס און דאס. וואס קומט ארויס פון דעם, גארניט. מ'האט גירדעט וועגן מאכן א בית דין, און מ'האט געוואלט בדוקא מיר אריין מישן אין דעם, זייער פיין, מאך א בי"ד, וויפל דין

תורה'ס האט איר געמאכט פאר דער צייט? קיין איינע ניט. פארוואס ניט? דער איז שולדיק, און דער איז שולדיק, קיינער איז ניט שולדיק, דער איז גישלאפן און דער איז גישלאפן, אלע האבן גישלאפן, האט מען אלע תירוצים, אבער פון די אלע תירוצים קומט גארניט ארויס לפועל.

און אזוי האט מען גיבויט אסיפה און אסיפה און עס איז גארניט ארויס פון דעם, מ'טענה'ט מ'ווייס ניט וואס צו טאן, האב איך גירעדט מ'זאל אין דעם אריין נעמען א מומחה וואס ווייס וואס מ'דארף טאן, האט מען אזוי געטאן, אבער וואס איז ארויס דערפון, גארניט. און דערנאך, אין זעקס חדשים ארום באקום איך די בשורות טובות, טובות בלשון סגי נהור, וואס טוט זיך מיט דער שכונה.

דערנאך טענה'ן אנדערע אז מ'דארף אין דעם גארניט ניט טאן ווייל איך אליין – אנדערער טענה'ען – האב חרטה געהאט פון דעם וואס איך האב גירעט, ווי מ'זעט אז איך האב גערעדט וועגן דעם איין מאל אחש"פ תשכ"ט און זינט דעמאלט איז שוין דורכגיגאנגען אנדערהאלבן יאר און מער האב איך וועגן דעם ניט גערעדט איז א ראי' אז איך אליין האב חרטה גיהאט.

מ'האט אבער בפירוש געזאגט אז דער צוגאנג צו דעם איז, אז ס'איז ניט מיינער אן ענין. נאר דאס איז מבוסס אויף א בפירושן דין אין שולחן ערוך, אין חושן משפט, און מ'האט דאס אפגידרוקט, און דאס וואס איז ניט געדרוקט האט מען פארשריבן, און ווי גירעדט פריער בינד מען דאס איין, און מ'שטעלט דאס אוועק אויף דער פאליצע, און מ'גיט דאס אפ דעם גרעסטן כבוד, און מיט דעם ענדיקט זיך דער ענין: איז וויבאלד אז דאס איז ניט מיינער אן ענין, נאר דאס איז א בפירוש'ער ענין אין שו"ע חושן משפט.

און אויך בנוגע דינים פון בתי כנסיות, ווי מ'האט גערעדט בארוכה מיט אנדערהאלבן יאהרן צוריק באחש"פ תשכ"ט איצטער איז ניט נוגע מאריך זיין אין די פרטים, בפרט אז דאס איז שוין אפגעדרוקט, איז ניט נוגע צי איך האב חרטה – און איך קען קיין חרטה ניט האבן, ובפרט אז איך האב בפירוש געזאגט אז איך האב ניט קיין חרטה, און די אלע וואס זאגן אז איך האב חרטה, אדער די וואס זאגן אז דאס וואס איך רעד אזוי איצטער איז דאס נאר בשבת חנוכה, אבער אויף מארגן פון שבת חנוכה וועל איך חרטה האבן.

בין איך איצטער מוסר מודעה אז דאס איז א שקר און ניט איך האב פריער חרטה געהאט, און איצטער האב איך אויך ניט קיין חרטה, און אויף מארגן וועל איך ווייטער ניט חרטה האבן, און איבער מארגן וועל איך אויך ניט חרטה האבן – ובמילא אויב דו ווילסט ניט טאן אין דעם טו ניט, אבער זאג ניט בשמי אז איך האב חרטה גיהאט!

און אזוי אויך בנוגע צו די שוהל'ן, וואס מ'האט מחליט געווען אז מ'זאל העלפן צושטעלן א מנין אין די שוהל'ן, און מ'האט צוגעזאגט דוקא בשמי, האט דאס אנגעהאלטן עטליכע וואכן און דערנאך איז עס נתבטל געווארן, במילא קומט מען צו מיר מיט א טענה פארוואס בין איך ניט מקיים דאס וואס איך האב צוגעזאגט? דו ווילסט העלפן צושטעלן א מנין, איז שטעל צו א מנין, אבער וואס מישטו מיר אריין אין דעם? וואס זאגסטו דאס בשמי? און פארוואס האלסטו זיך נישט ביים ווארט? אויב דו ווילסט ניט העלפן, איז טו ניט, אבער אויב דו זאגסטצו, איז האלט זיך ביים ווארט.

און מ'דארף מיר ניט אריין מישן אין דעם. . . עס גייט אלץ בהמשך אחד, אזוי ווי איך האב גערעדט וועגן די שכונה, און איך האב גירעדט וועגן מחזק זיין די בתי כנסיות, איז במילא בהמשך לזה זאגט ער אז איך האב צוגעזאגט אז ער וועט

האבן א מנין! ס'איז טאקע כוונתו, ער זאגט דאס בשמי כדי ס'זאל דאס פאלגן, איז דאס א תועלת, אבער האלט זיך דערנאך ביים ווארט!

דערנאך איז געווארן נאך אן ענין: מ'זאגט אז דאס וואס איך טומל וועגן קראון הייטס איז דאס ווייל איך וויל באזארגן דעם ביהכ"נ וביהמ"ד וואו איך פארברייינג, איך וויל נאר באווארענען "סעווען סעווענטי" (770) בגימטריא (ו) פרצת, און אויך די בנינים לעבן דעם ד.ה. בלויז מיין אייגענע ד' אמות אדער ה' אמות אדער ו' אמות, אבער מיר ארט ניט וועגן גאנץ קראון הייטס.

ווי אונטערשטייט מען זאגן אויף א אידן אז ער איז אינטעריסירט בלויז אין זיינע אייגענע ד' אמות, און גאנץ קראון הייטס איז ער מפקיר?! ווי קען מען זאגן אז אן ענין וואס איך רעד וועגן דעם ברבים, און מען דרוקט עס אפ, און מען פארבינד עס מיט א דין אין שולחן ערוך, זאל איך דערמיט מיינען נאר די אייגענע ד' אמות?! אפילו אויף א איד א חשוד דארף מען אויך ניט ארופגיין שרייען דאס ברבים, און ריידען לשון הרע, און בפרט אז איך האב בפירוש געזאגט אז איך מיין גאנץ קראון הייטס, און אלע אידן וועלכע געפינען זיך אין גאנץ קראון הייטס. איז ווי זאגט מען אזא מין ענין?

און נאך די גאנצע טומולט טוט מען גארניט, וואס בכלל איז קיינמאל ניט געווען אזא סדר, אלעמאל פלעגט זיין דער סדר אז מ'פלעגט מיר פרעגן וואס מ'זאל טאן, מ'פלעגט פרעגן הוראות צי אזוי טאן צי אזוי טאן, איצטער איז געווארן א נייער סדר, מ'שרייבט מיט אריין הוראות וואס איך זאל טאן, און איר פאלג, און ביי דעם בלייבט עס.

מ'מאכט אן אסיפה און מ'איז מחליט עפעס צו טאן, האלט זיך דאס אן צוויי חדשים און דערנאך ווערט דאס איינגעשטילט, פרעג איך וואס הערט זיך וועגן דער

שכונה, מאכט מען ווייטער אן אסיפה און מ'רעדט וועגן דעם נאך אביסל צייט, און דערנאך ווערט דאס ווייטער איינגעשטילט, ביז איך וועל ווייטער עפעס זאגן וועגן דעם, וועט מען ווייטער אנהויבן טאן.

מ'האט מחליט געווען מאכן א חברה אויף קויפן הייזער, איז עפעס געווארן פון דעם? זאגט מען אז עס איז נישטא קיין געלט, און אן געלט קען מען גארניט טאן, האב איך געפרעגט צי מ'האט דאס מפרסם געווען? אימיצער ווייס וועגן דעם? קיינער ווייס ניט וועגן דעם, און מ'וויל בדוקא אז איך זאל דאס מפרסם זיין, און אזוי איז פון יעדער ענין ווערט דאך גארניט, און אזוי אויך דעם פארברייינגען וועט מען דאס פארשרייבען און עס וועט גארניט ארויסקומען.

איז מיר איינגעפאלן א המצאה פארבינדן דאס מיט עניני סגולה: וואס בכלל איז דער דרך פון חב"ד שווערער ווי דער דרך פון חג"ת, מ'זעט דאך אבער בפועל אז דער עולם וויל בעסער פוילישע ענינים, קען מען דאס פארבינדן מיט עניני סגולה, ובמילא אזוי ווי מ'פארקויפט דאך "שערס" אין דער "חברה" אויף אפקויפן בתים אין קראון הייטס, וועל איך קויפן א "שער" וועט ער קענען באקומען איינעם פון מיינע דאלארן, און דא וועט מען זען ווי דער עולם וועט זיך צוכאפן.

וואס דאס איז לגמרי ניט פארשטאנדיק אז דאס וואס עס איז א דין פון שו"ע "ועשית הישר והטוב" דאס וויל מען ניט טאן, און דוקא שיטת פולין, אן ענין וואס האט קיין שום ארט ניט אין שכל, פוילישע ענינים שיריים, אויף דעם וועלן זיך אלע אנכאפן.

אבער אזוי ווי דער עולם וויל אזוי, זאל מען מכריז זיין אז יעדער איינער וואס וועט קויפן א "שער" קען ער באקומען א דאלער, און אז עס איז א מספר מוגבל פון דולר'ן ובמילא כל הקודם זכה, און אע"פ אז דאס איז פון פוילישע דרכים,

וועלן אבער כל הברכות התלויות בי און אלע גוטע זאכן מיטגיין מיט'ן דאלער, ובפרט אז איצטער איז דאך חנוכה, איז דאס אויך פארבונדן מיט חנוכה געלט.

ועי"ז וואס מ'וועט זיך משתתף זיין אין דעם ענין, וועט מען קענען פועל'ן ניט נאר אין קראון הייטס זאל זיין אזוי ווי עס איז געוועז פריער, נאר עס זאל ווערן נאך בעסער ווי פריער, ביז עס וועט קומען משיח, און עס וועט מיטנעמען אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות פון קראון הייטס בתוכם, מיט אלע מתפללים, און מ'וועט ארויסגיין פון גלות בקרוב ממש.

אמר: זאל מען איצטער מכריז זיין ווען מ'קען קויפן די "שער'ס" עס איז פאראן אימיצער וואס ווייס וועגן דעם? זאל ער מכריז זיין ווען און וואו מ'וועט פארקויפן, ניט אום שבת גערעדט. ע"כ.

מ'דארף באווארענען נאך אן ענין, אז דאס וואס עס האט זיך גערעדט – וועגן קויפן די "שער'ס" איז דאס ניט נאר שייך צו די וואס וואיינען אין דער שכונה, נאר דאס איז אויך שייך צו די וואס לעבן אין אנדערע שכונות אדער אין אנדערע שטעט אדער אין א צווייטער מדינה, אפילו מעבר לים ואדרבא, די וואס לעבן דא אין קראון הייטס, אין דאס אליין וואס זיי געפינען זיך דא איז מבסס די שכונה, אבער די וואס לעבן ניט דא, איז די איינציקע וועג ווי זיי קענען זיך משתתף זיין אין ביסוס השכונה איז דאס ע"י וואס זיי וועלן געבן אין דער חברה.

במילא זאל מען מפרסם זיין אויך צו די וואס לעבן אין צווייטע שטאט אדער אין א צווייטער מדינה, וואס פון זיי מאנט מען ניט אז זיי זאלן זיך איבערקלייבן מעבר לים און קומען אהער אין קראון הייטס שכונה. דאס איז אויך ניט אפגיפרעגט. אבער עכ"פ ניט אין אן אופן פון דרישה, איז זיי קענען זיך משתתף זיין דורך קויפן א

שטוב, אדער עכ"פ א "שער" און זיי קענען אויך באקומען א דולר וואס ע"י"ז וועלן נמשך ווערן אלע ברכות לכל אחד ואחד פון זיי.

## ש"פ בהר, י"ז אייר, ערב ל"ג בעומר, ה'תשל"ג

כ"ק אד"ש התחיל לבאר בענינים המופלאים של יינה של תורה שבפירש"י. ואח"כ אמר: און דא איז דא נאך אן ענין והגם שזהו ענין פרטי, בכל אופן וועל איך וועגן דערוף ריידן,

מ'גרייט זיך דאך וועגן פאראד וואס וועט פארקומען מארגן, און ס'איז דאך דא דער טומעל די לעצטע טעג, מ'האט אריינעשריבן צעטלאך וכו' בהנוגע אט דעם, איי הגם אז מצד אנשים שמבחוץ איז אלס געווען בסדר און ס'איז געווען אפשרי מיין השתתפות, איז אבער מצד אן ענין וואס ס'האט זיך אפגעטאן דא אין די ד' אמות האט מען מסבב געווען אז איך זאל נישט קענען ארויסגיין, ועתה מושלל כל אפשרות אויף קענען משתתף זיין אין דעם פאראד.

און מ'האט געשריבן וועגן מהות וכו'. הגם ווי גערעדט פריער (און ער האט צוגעזאגט, וקיבל על עצמו ענינים נעלים ביותר), איז דאך אבער אז תשובה באשטייט אין דעם, וע"ד המשל וואס אויב מ'לייט געלט און מ'איז דאס ניט מסדר ווערט דאס נישט מתוקן ביז מאה ועשרים שנה וכו', מצידי איז ניטא און איך האב נישט אויף אים קיין קפידא, איך בין אים מוחל, ס'איז נישטא קיין שום קפידא ושמץ של קפידא כלל וכלל.

וכאמור ס'איז אבער דא די ענינים וואס אויף דערוף דארף מען תשובה טאן, וואס דאס וועט לכה"פ מקטין זיין אט דעם צער שבדבר, און בשעת איך האב זיך באטראכט פארוואס קומט דאס מיר, אז איך זאל נישט האבן דעם זכות באטייליקן זיך אין דעם פאראד, האב איך געזוכט און איך האבן געפונען א שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר פון אחש"פ מלפני שלושים שנה, וואס דארטן איז מועתק א פדיון פון דעם

צ"צ, ולכאו' וואס איז נוגע דער גאנצער לשון פון פדיון וכו', נאר וויבאלד אז א נשיא בישראל האט דאס געהייסן דרוקן וכו' איז א ראי' אז דאס איז נוגע לדורות.

עס שטייט דארטן אז ס'איז געווען א גזירה און ער האט געשריבן א פדיון און האט מסיים געווען (ניט מיט א וכו', נאר דארטן שטייט בפירוש) ואם אזכה יהי' הדבר על ידי (ובעת שכ"ק אד"ש אמר דברים אלו נעצר מבכי' וכו'). ולכאו' וואס איז דער פשט, אז דער ענין קען זיך אפטאן, נאר ער דארף האבן דעם זכות אז ס'זאל זיין על ידו, וה"ה בנדו"ד אז כנראה שאין הדבר יכול להיות על ידו.

און פארוואס קומט דאס מיר איז וויבאלד אז איך האב געקענט פארמיידען א ענין פון מסירה וכו' און בשעת מען האט מיר געפרעגט האב איך געזאגט אז מען זאל פרעגן ביי א רב. און איך האב געדארפט לכתחילה קלאפן אויפן טיש אז מען זאל דעם ענין וכו' ניט טאן, און איך האב געדארפט גורם זיין אז עמיצער זאל זיין באהאלטן א פאר טעג אין צימער און ניט קענען ארויס גיין האט מען צוליב דעם מיר פארשאפט דעם ענין, און מען האט מיט אנגעהויבען צו שרייבען צעטלעך און מ'האט מגדיר געווען מיין מהות, און באמת איז דער וואס האט געשריבן איז ניט שייך צו האבן די ברייטקייט אויף דאס מיר צו שרייבען.

וכנראה שהחליט שהולך על מסי"נ, ומ"ש איז דאס אן ענין פון מעשה קוף בעלמא וויבאלד ער איז ניט שייך אינגאנצן למ"ש, נאר וויבאלד אז דאס וואס ער האט געשריבן, עס איז דאך מלמעלה אזוי, וואס דא איז א הוראה מלמע' פאר מיר בהנוגע צו מיין עבודה, ער האט געטאן נאר בכדי אז מען זאל מיר מודיע זיין בא וואס איך האלט וכו', וואס פון דעם האב איך פארשטאנען אז לא די וואס איך האלט נאך נישט ביין דעם ענין פון ועשה טוב, נאר כנראה אז אויך ניט ביי דעם ענין פון סור מרע, וכו' לגמרי, אבער איך וועל אויף אינדערוף ניט מגזים זיין.

וואס לפי זה האב איך דאך געדארפט קומען צו גיין און זאגן הערט זיך איין קינדערלעך לאז מיר זיך זעצן צוזאמען לערנען תורה וכו' און איך וועל זיך טאן פאר מיר מיינע ענינים, און שרייבט מיר ניט קיין צעטלעך און בעט ניט קיין ברכות וכו', ס'איז אן ענין וואס א איד דארף ארויס העלפן א צווייטן, איך זאג דיר - חסר - . . .

דער ענין פון ל"ג בעומר איז געווען וואס מען האט פאר מסר'ט וועגן דעם ענין פון רשב"י, דרשב"י הי' במערה מצד פחד המלכות לאחר שמסרו עליו למלכות, וע"ד ששאלוני בעת הענין דמיהו יהודי מנין לי שבגלל ענין זה דמיהו יהודי, קורה ענין פלוני. עניתי שזהו רמב"ם מפורשת (כמ"ש בדבריו לענין האמור אם תלכו עמי קרי וגו'), והוא הדין בנידון זה דהקישור הוא ברור, (אמר כאן הלשון אז ס'איז דאך ניט שייך זיך צו פארגלייכען צו רשב"י וכו' וע"ד זה בענין משה רבנו), און וויבאלד אז איך האב ניט פארמייט דעם ענין פון א מסירה . . .

וואס איך ווייס אז מסתמא באלד נאך מוצאי שבת וועט מען באלד אנהויבען שרייבען צעטלעך אז מען בעט מחילה וכו' און אז מען האט ניט געמיינט וכו', זאל מען וויסן אז איך בין מלכתחילה מוחל און זיי זיינען ניט שולדיק, נאר דאס איז מסתמא אזא ענין וואס ער האט געדארפט זיין דער שליח אויף דעם וכו'.

ובאמת וויל איך זיך משתתף זין אין פאראד און רעדן פאר די קינדער – נאך מער וויפל די אלע וואס ווילן (אמר כמה פעמים ככה וויפל אלע ווילן). און אודה ולא אבוש אז מען האט מיר מודיע געווען אז דאס וועט מען קענען הערן אין מירון ווארום מען האט מסדר געווען מיט אנשי הצבא אז מען זאל עס דארטן קענען הערן. איז קען זיין אז בא מיר קומט צו עפעס פון דעם, ווארום אז עס איז ניט לגמרי לשם שמים און אביסל (ס'איז אפשר ניט שוה בשוה אבער אביסל זיכער) באנעמט דאס בפירוש יא אן ארט בא מיר, און צופרידן פון דעם וכו'. וכנ"ל אז מצד אן ענין וואס ס'האט זיך אפגעטאן דא וכו' איז דאס שולל לגמרי מיין השתתפות וכו'.

וואס כאמור איז דער גאנצער ענין וואס ס'האט זיך גערעדט האט ניט קיין שום מקום בטבע אז עס זאל זיך טרעפן אזא ענין. אבער פון מיינע אייגענע ד' אמות זאל ארויס קומען אזא ענין. (נדמה שאמר הלא בחרו בו כשלוחם ושמע מיני' דניחא להו, ובהנוגע לזה שכתב אודות להמהות וכו' אני מקוה שעשה זאת על דעת עצמו ואחרים לא שדלוהו לכך, ובאם כן בודאי גם הם עשו תשובה על כך, און יענער בכלל זאל גיין נעמען ברכות וכו' וכו' ביי די צו וועמען ער איז געגאנגען).

לכאו' וויבאלד אז דאס איז אן ענין וואס האט געטאן איינער וכו' וואס זיינען שולדיג אט די קינדערלעך וואס וועלן קומען וכו', און וואס האט צום רשב"י ותלמידי ר"ע וכו', איז מצד דעם האט מען אריין געשמוגלט א פארברענגען איצטער בערב ל"ג בעומר, וואס דאס איז שוין קרוב צו ל"ג בעומר און מסתמא וועט מען איבערגעגעבן דעם ענין וואס האט זיך גערעדט, וואס דאס איז דער ענין וואס איך האב גערעכנט צו רעדן פאר די קינדער, און מ'זאל דאס איבערגעבן – אט דאס וואס מען האט גערעדט צו די קינדער וכו'.

דער ענין זאל אבער ניט פועל זיין חלילה א חלישות אין דעם ענין פון פאראד, ווי עס איז פאראן אנדערע וואס טענה'ן דאס. ווארום וויבאלד דאס איז דאך קשור מיט רשב"י און רבי עקיבא, איז חלילה ווייזן א חלישות בענין כזה. און זיכער וועט זיין דער פאראד בהצלחה רבה וכמו בארץ ישראל, אוסטרליא, מאנטרעאל, פאריז, לאנדאן, טשיקאגא, מיניאפאליס, (אמר עוד כמה מקומות) וכו', וואס דארטן וועט ניט שטערן דאס וואס איך וועל ניט זיין, און די אלע וואס דארפן טאן אין דעם זאלן טאן כרגיל וכו' און עס זאל אויף זיי ניט זיין אט דער רחמנות וואס אויף מיר, וואס איך קען זיך ניט משתתף זיין אין דעם פאראד, איר וועט זוכה זיין משתתף צו זיין אין דעם פאראד, און איך האב ניט זוכה געווען לזה. און זיכער וועט גארנישט פעלן פון די שמחה פון רשב"י וכו', און ניט ביי רבי עקיבא וכו'. און ביי די אט די

**קינדער, און דער פאראד וועט זיין בהצלחה רבה און זיכער וועט דאס זיין א קידוש שם שמים פאר אידישקייט און קידוש שם שמים פאר ליובאוויטש.**

**חלק מאותה התוועדות - בהר ה'תשל"ג - הנחה אחרת**

. . . ענין וואס מען קען זיך שטעלן אויף דעם און פרעגן מה נאכל.

און דאס וואס עס איז פארגעקומען לאחרונה בנוגע צום פאראד, וואס נישט קוקענדיק אויף דעם וואס אלץ אין געווען מסודר סיי פון דא און סיי אלע אנדערע ערטער ועד"ז בנוגע די הכנות בנוגע מיין ארויסקומען צום פאראד, ועד"ז די הכנות וואס איך האב אליין געדארפט זיך מכין זיין צו ארויסגיין אי מיט אמאל איז געקומען א ענין בלתי טבעי לגמרי און דאס האט שולל געווען לגמרי וועגען מיין ארויסקומען צום פאראד, וואס דעם ענין נישט דאס האט מען געוואלט בכלל, ואדרבה כוונתם רצוי' אבער וויבאלד דער ענין האט זיך ארויסגעלאזן אזוי איז דאס שולל לגמרי מיין ארויסקומען צום פאראד.

אבער ווערט גלייך די שאלה וואס מען וועט פרעגען היתכן, ווי וועט מען קאנען אויסקומען אן מיר צום פאראד האב איך געזוכט און געזוכט ביז איך האב געפונען אז דאס איז נאר פארבונדן מיט א שיחה פון שביעי של פסח לפני שלשים שנה ויהי בשלשים שנה.

וואס דארטן בריינגט זיך א גאנצע מעשה מיטן צ"צ, וואס אע"פ ווי קאן מען זיך גלייכן צו אים, ע"ד ווי עס ווערט בנוגע צו משה רבינו אז דער וואס איז זיך מדמה צו מרע"ה קומט אים א גרוסין עונש, ביז ווען מען זאגט מיהו זה ואיזהו אשר ערב לנו לגשת אפי' שמץ מנהו, און דאס אויכעט נישט, אע"פ געפינט מען אבער אז הגם אוסגלייכן זיך צו אים קאן מען נישט, אבער א שמץ מנהו קאן מען אפ לערנען פון אים, ועד"ז בנוגע דעם צ"צ אע"פ ווי קאן מען זיך גלייכן צו אים, אבער אעפ"כ אפלערנען קאן מען פון אים א שמץ מנהו, ובפרט אז מען האט דאס אפגעדרוקט און דאס איז דורכגאנגען צו אונז איז א סימן אז מען קאן פון דעם אפלערנען א הוראה.

או דאס איז וואס דאכטאן ברייננגן א פדיון וואס דער צ"צ האט געשריבען בנוגע צו צוברעכען א גזירה, וואס אין דער שיחה איז ער מעתיק דעם נוסח הפדיון וואס בכלל איז דאס א פלא אויף אפדרוקן א פדיון, אז דאס זאל קומען בכל מקום ווארום א פדיון איז דאך א פדיון, נאר דאס האט מען געדרוקט בכדי אויף אפלערנען פון דעם א הוראה בנוגע לענייננו, און דארטן ברייננגט ער דעם גאנצן נוסח און אינמיטן שרייבט ער א וכו' וואס דא איז א שאלה צי דער וכו' האט דער צ"צ אליין צוגעשריבען אין דעם פדיון, אדער אין דעם פדיון איז געשטאנען נאר ווערטער נאר מען האט מעתיק געווען די עטלעכע ווערטער און דעריבער האט דער מעתיק צוגעשריבען כו', און פירט אויס אז ער בעט אז דער גזירה זאל בטל ווערן ואם הנני זוכה יה"ר שיתבטלו על ידי,

וואס דא זעט מען צוויי זאכען, ערשטענס אז נישט קוקענדיק אויף דעם וואס דער צ"צ האט געבעטן אז דער גזירה זאל בטל ווערן, קען אבער פאסירען אז עס זאל נישט בטל ווערען על ידו נאר דורך א צווייטע, און דערנאך זעט מען אז בכדי אן ענין זאל זיך דורך פירען על ידו איז דאס א זכות מיוחדת, במילא זעט מען פון בנוגע לענינינו אז עס ווייסט אויס אז דער פאראד קאן זיין אויך באופן אז עס זאל נישט זיין על ידי נאך דורך א צווייטע, און דערצו דארף איך האבן א זכות מיוחדת אז איך זאל קאנען נעמען אייגטייל אין דעם פאראד, און ווי עס ווייסט אויס אז איך האב נישט די זכות אויף נעמען אייגטייל אין דעם פאראד וואס איז פארבונדען מיט קידום שם שמים ברבים און פארבונדען מיט דער רשב"י און ר"ע.

און דאס וואס עס האט זיך אנגעהויבען דעם גאנצן שרייבעניש פון צעטלעך מבאר זיין מיין מהות היתכן אז איך וועל נישט ארויסקומען דאס וועט פועל'ן א מסירת הרוח וכו' איז באמת'ן האבן זיי נישט וואס צו בעטען ביי מיר, ווארום וויפיל זיי ווילן אז איך זאל ארויסקומען וויל איך נאכמער פון זיי.

במילא איז וואס וועט העלפען די אלע טענות ומענות, וויבאלד עס איז פארגעקומען אזא מאורע איז דאס שולל מיין ארויסגיין, און ביז נאכמער אז אין א״י האט מען סוף כל סוף אויסגעפירט אז די אנשי צבא אין מירון זאלן קאנען הערן דאס וואס עס רעדט זיך דא, וואס אזא ענין זאג איך איז תופס מקום ביי מיר איך וואלט ניטש געזאגט אז דאס איז כולו לש״ש אפשר נאר האלב אדער נאר וויניגער אבער דאס איז תופס מקום ביי מיר, במילא וויל איך דאך דאס אויכעט, אבער מצד דערויף וואס עס איז פארגעקומען לעצטענס דעם מסירה גלייך בכ״ט לעומר איז בשעת עס קומט פאר אזא ענין איז דאס שולל מיין ארויסקומען.

ובכלל דאס אליין באווייזט דאך שוין אין וואס פאר מעמד ומצב איך שטיי - חסר - . . .מרכז לעניני חינוך און מחנה ישראל, און טוט אויף געוואלדיקע זאכן וואס צוליב דעם קומט עם דאך א סך, און ער דרוקט אפ לקוטי שיחות ביז באופן אז זיי וואלגערן זיך ארום אין די גאסען, מען פארשפרייט זיי אומעטום וואו נאר מען קען דערגרייכען אן אדרעס שיקט מען דארטן, דערנאך זאגן מען אבער אז לאידך גיסא קאן ארויס קומען גאר א ענין הפכי, לכאורה ווי שטימט ביידע ענינים צו שטיין אין צוויי הפכיות, אויף דעם זאגט מען אז דער זמן הגלות איז באופן של היינו כחולמים, פונקט ווי אין א חלום קאן דארטן פארקומען ענינים הפכיים, עד״ז זאגט מען בנוגע צום זמן הגלות אז עס קאן זיין פון איין זייט איז ער עומד ומתפלל און האלט ביי א דרגה נעלית ביותר, דערנאך אבער קאן ער שטיין אין דעם צווייטן קצה.

והיות אז דער ענין האט ערשט איצטער געפלאצט בכ״ט לעומר, דעריבער פון דעם א הוראה אז דאס איז שולל מיין ארויסקומען ל״ג בעומר צום פאראד, און ערשט איצטער וועט זיך אנהויבן שרייבעניש פון צעטלין היתכן אז איר גייט נישט ארויסקומען, זאג איך דא מלכתחילה אז עס וועט נישט העלפן קיינען פון די צעטלין, ווארום אזוי איז דער מציאות איך קאן נישט ארויסקומען.

און דא שטעלט זיך די שאלה וואס איז די שייכות פון דעם מאורע מיט ל"ג בעומר, וואס איז ל"ג בעומר שולדיק אין דעם, אין באמת'ן איז דא וואס מען געפינט א דוגמא לזה וואס האט געטראפען מיט דער רשב"י, וואס די גמ' דערציילט אז עס איז געווען איינער וואס האט נאר איינמאל גלערענט אין דעם ישיבה פון דער רשב"י דערנאך איז דער תלמיד ארויס און האט געמאכט א מסירה אויף רשב"י איז צוליב דערויף וואס יענער איז געווען א תלמיד פון רשב"י, הגם נישט באופן קבוע נאר וויבאלד ער האט געלערנט נאר איינמאל מיט דער רשב"י, האט דער רשב"י זיך געדארפט בההאלטען אין דער מערה, במילא זעט מען פון אז דער ענין פון א מסירה און באהאלטן זיך אין א מערה האט א שייכות צו ל"ג בעומר.

טאמער וועט מען פרעגן ווי ווייס איך צו מקשר זיין יעדער ענין אויף אז דאס איז א הוראה מלמעלה, אין באמת'ן דאס איז גאר א בפירוש'ע רמב"ם, וואס ער פסק'נט בשעת עס קומט פאר א געוויסן מאורע אין וועלט דארף מען דאס גלייך פארבינדן מיט עם אליין עס דארף זיין דער יפשפש במעשיו.

באמת'ן נאך אזא ענין וואלט איך געדארפט זאגן הערט זיך איין קינדערלאך גייט זיך צו זיך און זיצט און לערנט תורה, און נאך וואס דארף מען האבן דעם גאנצע מעשה, עס איז דאך די להפקיע את עצמי וואס איך קאן זיך אן עצה געבן מיט זיך איז נאך וואס דארף איך האבן דעם גאנצן ענין, און פארוואס טו איך דאס נישט, איז עס נישט ווייל דורך דעם וועט בטל ווערן יענעם מוסד און יענעס מוסד וכו', נאר ווייל איך האב נישט די שטארקייט אויף דעם.

במילא איז בנוגע לפועל, מצד אמיתת הענין קאן מען נישט האבן צופיל טענות צום מזיק דאס וואס ער האט אפגעטאן דעם ענין ווארום ער איז נישט אזוי שולדיק אין דעם ווארום על הניזק נגזר מלמע' אז עס זאל קומען צו אים אזא ענין, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק, נאר דאס וואס עס קומט אן עונש צום

מזיק איז דאס נאר ווייל ער איז געגאנגען בבחירתו החפשית און האט מזיק געווען יענעם אבער אזוי איז דער ניזק וואלט סיי ווי געדארפט באקומען דעם ענין.

און דא קומט צו נאך א ענין בנוגע לניזק און מזיק, אגב וועט מען לכה"פ איצטער ריידען א ענין תורה, און דאס איז וואס עס שטייט אפי' לאחר וואס דער מזיק האט אפגעצאלט צום ניזק דעם היזק, איז דא א באזונדערע דין אז דער מזיק דארף בעטען מחילה ביים ניזק, וואס לכאורה איז דער ביאור דאס וואס ער דארף בטען מחילה, מילא דאס וואס ער דארף אים אפצאלען איז עס ווארום ער האט אים געמאכט א היזק, אבער נאך וואס דארף ער בעטען ביי אים מחילה.

נאר דאס איז צוליב טאמער וועט דער ניזק האבן עפעס א קפידה אויפן מזיק פאר כללות הענין דעריבער נוסף אויף דעם וואס ער דארף אים אפצאלן פארן היזק דארף ער אויך בעטן מחילה.

אבער דא בנוגע לענינינו דארף מען נישט בעטן קיין מחילה ווארום עס איז מלכתחילה נישט געווען קיין קפידות, נישט איך האב קיינע טענות, במילא דארף מען בכלל נישט בעטן קיינע מחילות.

ובנוגע צום פאראד, איז איצטער דארף מען ווייטער טאן אין דעם, ואדרבה ביתר שאת וביתר עז, ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיטן רשב"י און ר"ע, איז א זכות גדולה פאר יעדער איינער אז ער זאל זיך משתתף זיין אין דעם, און די וואס וועלען זיך נישט משתתף זיין איז אויף זיי א גרויסע רחמנות, דעריבער נישט קוקענדיק אויף די אלע זייטיקע ענינים זאל מען טאן אין דעם, און אפלערנען זיך פונקט ווי מען וועט דאס טאן אין אוסטרליא, מאנטריאל, לונדון, פאריז, מיניאפאליעס, שיקאגא, במילא דארף מען זען טאן אין דעם ביז באופן אז עס זאל ארויסקומען פון דעם א קידוש שם שמים ברבים, און קידוש שם ליובאוויטש.

באמצע השיחה אמר: איך האב געטראכט אז וויבאלד איך וועל זיך נישט קאנען משתתף זיין אין דעם פאראד וועל איך דערוויילע אויף שבת אריינשמוגלען א פארברייינגען, און דארטן ריידען די רייד וואס איך וואלט גערעדט צו די קינדער.

אחר השיחה האיומה ניגן כ"ק אדמו"ר שליט"א את הניגון הנה מה טוב הערנסטע, 5:15.

אחר מנחה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן הנה מה טוב.

השמטות

בשיחה ב' כשדיבר בנוגע לתלמידי דר"ע שעמדו במדרגה נעלית עד שאפי' מה שלא נהגו כבוד הי' זה ענין נע' ואמר: אז זיי האבן נישט אפגעגעבן כבוד, אבער ח"ו מזיק געווען, במילא קומט אויס אז עס איז גאר געווען א ענין פון מניעת רווח, אבער נישט ח"ו געטאן א געוויסן פעולה.

בשיחה ב' כשהביא מהאריז"ל דבשעת ששניהם יונקים משורש א' הרי א' מתקנא בחבירו הביא לזה כמו שהוא בהלכה: אז דער שווייגער איז נישט נאמן בנוגע לנכסים וויבאלד דאס איז איר נוגע דערנאך בנוגע לירושה איז זי דאך א נוגע בדבר, במילא זעט מען פון דעם אז בשעת איינע איז א נוגע בדבר באופן אז ער וועט קריגען פון א ענין איז יעמולט איז ער נוטע וואס מער אז ער זאל קריגען.

## כנראה שיחת ש"פ אחרי תשל"ג

(המשך שיחה וא״ו)

ביז אז דאס איך אויך פארבונדען מיט הלכה בפועל, ווי די גמרא זאגט אין ב״ק אז ס׳איז פאראן די מציאות פון אן ארי תרבות; מ׳קען עם איינגעוויינען ע״י חינוך במשך כמה חדשים אדער יארן, ער זאל זיך פירן באופן מסויים, ווארום ״הרגל נעשה טבע״.

איז מה דאך איצטער אונטער תנאים מיוחדים, קען מען פועל׳ן א שינוי אין די הנהגה פון בעלי חי, עאכו״כ לע״ל כשתרבה הדעה – ״מלאה הארץ דעה את הוי׳ כמים לים מכסים״, וועט זיין א שינוי אין די הנהגה פון בעלי חיים, ״לא ירעו ולא ישחיתו״ כ״א ״וגר זאב עם כבש וכו׳ וארי כבקר יאכל תבן״.

און דאס הייסט ניט ביטול מנהגו של עולם, נאר מ׳איז בלויז מגלה די ענינים (שישנם כבר עכשיו) מן הכח אל הפועל; די יכולת וואס ליגט ביי זיי באהאלטן בכח, וועט ארויסקומען בגילוי ובפועל.

און דא זעט מען ווי דוקא עפ״י חסידות זיינען מבואר כמה וכמה ענינים אין נגלה, און ווי עפ״י תורת החסידות ווערט פארענטפערט בפשטות א קשיא (וואס דער רמב״ם פרעגט) אין אגרת התחי׳.

און מ׳קען ניט זאגן ווי די וועלכע האבן דאס געוואלט פארבינדן מיט מצב העולם בתחילת הבריאה – בג״ע, וואס דעמאלט זיינען ניט געווען די מציאות פון מזיקים – ווארום דער אמת׳ער ענין פון מנהגו של עולם האט זיך אנגעהייבן נאכ׳ן מבול, שאז הוקבעו חוקות הטבע – ״לא ישבותו״, ואז, לאחרי המבול, איז שוין געווען די מציאות פון חיות טורפות.

ועוד פרט בזה: דער רמב"ם ברייגנט די ראי' פון בן כוזיבא: וויבאלד אז בזמנו של בן כוזיבא איז ניט געווען ביטול מנהגו ש"ע, ואעפ"כ חשבו ר"ע למשיח, איז דערפון די הוכחה אז בימות המשיח וועט ניט זיין ביטול מנהגו של עולם; זעט מען דאך אז דא רעדט זיך וועגען מנהגו ש"ע ווי עס איז געווען בימי <u>בן כוזיבא</u>, ניט מצב העולם ווי עס איז געווען <u>בתחילת</u> הבריאה.

און די שאלה אז דער סיפור מיט בן כוזיבא רעדט זיך וועגען <u>תחלת</u> ימות המשיח, איז פון דארט קיין ראי' ניט אויף א שפעטערדיקע זמן בימות המשיח – קען מען אזוי ניט זאגן, ווארום וויבאלד אז די גמרא דערציילט אז די חכמי ישראל האבן געשיקט צו בן כוזיבא צו זען אויב ער איז מורח ודאין צי ניט (און פון דעם וואס ביי בן כוזיבא איז ניט געווען דער ענין פון מורח ודאין האבן זיי מוכיח געווען אז ער איז ניט משיח), איז מוכרח אז מ'האט אנגענומען אז עס שוין זמן – לאחרי שמלך צוויי און א האלב יאר – אז ביי עם זאל מקויים ווערן "והריחו ביראת ה'" (אויב ער איז משיח).

איז וויבאלד עס איז שוין געווען די זמן לקיום הכתוב ד"והריחו ביראת ה' וכו'", מוז מען זאגן אז עס איז שוין אויך די זמן עס זאל מקויים ווערן אויך די אנדערע יעודים וועלכעריידען זיך אין דעם זעלבן קאפיטל (בישעי'), כולל אויך מש"כ (גלייך נאך דעם) "וגר זאב עם כבש גו' וארי כבקר יאכל תבן".

און וויבאלד די חכמים האבן ניט געזען ביי עם דעם ענין פון מורח ודאין (ולשיטתם – האט עס געדארפט זיין (כפשוטו)) האבן זיי עם גע'הרג'ט, "קטלוהו", אדער ווי דער צווייטער ענין (וועלכע דער רמב"ם ברייגנט) "נהרג בעוונות", וכמדובר לעיל בארוכה (בהתוועדות דשבה"ג) אז ס'איז ניט קיין פלוגתא במציאות, ווארום לכו"ע האט מען געשיקט צו די גוים (המלוכה שבאותו הזמן) שיהרגו אותו.

וויבאלד אבער אז די גוים האבן געקענט אים הרג'נען בלויז בשליחותו של הקב"ה – "אשור שבט אפי", איז די פלוגתא פארוואס מלמעלה האט מען צוגעלאזט דעם ענין: צי מצד זה וואס די חכמים האבן עם גע'פסק'נט למיתה, צי מצד עוונות.

נאך א פרט וואס איז געבליבען ניט פארשטאנדיק: אין פרק י"א פון הל' מלכים – וואו דער רמב"ם רעדט וועגען משיח עצמו, זאגט ער דעם לשון "ואל יעלה על דעתך" אז משיח דארף באווייזן אותות ומופתים; ובפרק י"ב, כשמדבר אודות ימות המשיח, זאגט ער "אל יעלה על הלב אז בימות המשיח וועט זיין א שינוי במנהגו ש"ע.

איז דער ביאור בזה: דעתך איז דער ענין פון הבנה, פארשטאנדיק אן קיינע געפילן, משא"כ דעם ענין ה"לב" איז שוין פארבונדען מיט הרגשים און געפליען וכו'.

ובמילא, בשעת מ'רעדט וועגען משיח עצמו, ווי מ'קוקט אויף משיח'ן (אליין), וואס דאס איז ניט נוגע צו זיין לעבן וסדר החיים שלו, איז דאס פארבונדען בלויז מיט הבנה – "דעתך".

משא"כ בשעת מ'רעדט וועגן הנהגת העולם בימות המשיח, וואס דאס איז שוין פארבונדען מיט עם, ווי ער לעבט בימות המשיח, איז דא זיינען שוין אריין געמישט זיינע געפילען, - ווי ער וועט דעמאלט פילען, דעריבער, בנוגע צו דעם, זאגט דעם רמב"ם "אל יעלה על הלב" – אן ענין וואס איז פארבונדען מיט רגש הלב (חסר הסיום).

## חלק משיחת ש"פ עקב, כ"ף מנחם-אב, ה'תשל"ג

. . . במילא איז בשעת מען מאכט א כולל, וואס די כוונה איז, אז מען זאל דארטן זיצן און לערנען, און קאכן זיך אין לערנען, האט נישט קיין ארט אז יעמולט זאל מען צורייבן די צייט, וואס איצטער איז געווערן דער סדר אז דער כולל איז אן ארט וואו מען צורייבט די צייט, און אזוי ווי ס'איז אין יעדער ענין, אז מען מישט מיר אריין, עד"ז איז אין דעם ענין בין איך אויך געווארן אריינגעמישט, ווארום דער כולל האב איך געוואלט אויפטאן א ענין – וואס עס איז דורך געגאנגען הונדערט און אכציק יאר וואס ליובאוויטש איז געווען אן א כולל – און איך האב געוואלט אופטאן דעם ענין, אז א יונגערמאן זאל זיך קאכן אין לערנען! און דערביי וואס איז ארויסגעקומען, אז דאס איז געווארן אן ארט פון רייבן די צייט, און דאס וויל איך נישט! ווארום עס וועט אויסקומען, אז אויף מיין חשבון לערנט מען אויס א יונגערמאן רייבן די צייט.

במילא בין איך געקומען צו דער החלטה אז הפה שאסר הוא הפה שהתיר, כשם ווי מען האט געפראווט עפענען, קאן מען דאס פארשליסן, איי וואס וועט זיין מיט דעם כולל, אין ליובאוויטש שוין אנגאנגען אן א כולל הונדערט און אכציק יאר, קאן עס ווייטער אזוי אנגיין, במילא קאן יעדער איינער זיך גיין אין זיין וועג געזונטערהייט, און מען וועט נישט האבן קיין טענות אויף אים.

און דאס וואס מען פארשליסט נישט בפועל איז עס פשוט מצד א תאווה, איך טו דאס נישט אן אינגאנצען אין יר"ש, נאר פשוט מצד א תאווה, <u>**ביי מיר איז א תאווה אז עס זאל זיין יונגעלייט וואס זאלן זיך קאכען אין לערנען!**</u> און צוליב דעם וויל איך ניט פארשליסן דעם כולל, ווארום פארוואס זאל זיין אז חוץ פון די ד' אמות קען זיין דער מציאות אז א יונגערמאן זאל זיך קאכן אין לערנען, און דא קען איך דאס ניט אויספירן.

בשעת עס קומט אז עס איז ביי אים נוקף אצבעו, לויפט ער גלייך און שרייבט אן א צעטל, און שיקט עס אריין צו מיר, און טאמער עס פארהאלט זיך עס אויף עטלעכע טעג, הויבט מען אן לערנען פירושים, אז עס איז א קפידא, אפשר האט ער ניט דער זכות אויף דעם, און דערביי האט ער א טענה אויב דער ענין האט זיך נישט דורכגעפירט אז דאס איז מיין שולד, ווארום איך האב געדארפט מתפלל זיין אויף אים, און איך קאן עם ארויסהעלפען, איז ממ"נ, אויב דו גלויבסט אין מיר, פארוואס ווילסטו מיר נישט נאך געבען מיין תאוה זיצן און קאכן זיך אין לערנען!

ובכלל די גאנצע זאך האט נישט קיין ארט ע"פ טבע, מען נעמט צו פון אים די גאנצע דאגת הפרנסה, און מען לייגט עס ארויף אויפן בעל-בית'טע, און ער האט קיין שום טעם וסיבה אויף נישט זיצן און לערנען, איז פארוואס לערנט ער נישט, מוז מען זאגן אז די איינציגע הסברה איז ווייל ער האלט נישט דערביי, און פארוואס האלט ער נישט דערביי, ווייל מען האט אים נישט מחנך געווען אז מען דארף זיך קאכן אין לערנען, במילא זיינען שולדיק זיינע מחנכים, ראשי ישיבה און משפיעים, ועד"ז די רבני אנ"ש וזקני אנ"ש.

<u>ובאמת'ן אויב איך וואלט געטאן אין דעם, וואלט איך געקערט א וועלט!</u> <u>אדער מען זאל זיצען און לערנען אדער פארשליסן דעם כולל!</u> אויב דער יונגערמאן וויל נישט טאן אין ודברת בם, אין לימוד התורה, זאל ער זיך בעסער פארנעמען מיט דער ואספת דגנך, ובכלל אלץ ערליכקייט האט נישט קיין ארט אז די בעל-בית'טע זאל ארבעטן און אין די זעלבע צייט זאל ער צורייבן די צייט.

זאגן אזוי אויפן גאנצן כולל וויל איך נישט זאגן, נאר דאס קען זיין יחידים, ואפילו די יחידים מסתמא פארנעמען זיי זיך מיט דעם ווי עס איז מותר ע"פ שו"ע, אבער בנוגע צום כולל האט עס ניט, אויב ער האלט ניט ביים לערנען איז וואס

זיצסטו אין כולל! דער סדר איז געווארן אז וויבאלד יענער גייט אריין אין כולל דארף ער אויך אריינגיין, אויב ער האלט ביים לערנען צי ניט, דאס איז נישט נוגע.

און דער גאנצער ענין איז נישט פארשטאנדיק ע"פ טבע, פארוואס טאקע זאל מען זיך ניט קאכן אין לערנען, מען מאנט פון אים נאר איין זאך, אז ער זאל זיך אויפכאפן פון זיין שלאף, און בייגן זיך א ביסל, און דאס קאן מען אויך נישט, און דאס וואס ער בייגט זיך ניט, איז עס ווייל זיינע ר"י בייגן זיך אויך ניט אויף זייער מציאות צו ארויסהעלפן זיי וכו', במילא אז בשעת עס איז נוגע לפועל, אז ער דארף זיצן און לערנען, איז אנשטאט דעם, איז תוהו ובהו! א חוץ יחידי סגולה.

פארוואס רעדט מען איצטער וועגן דעם, ווייל היות אז היינט איז דער יארצייט, און עס איז דא וואס מען האט מייסד געווען א קרן לוי יצחק, במילא האב איך געטראכט אפשר זאל מען פרובן אן אנדערע עצה אויף דעם יארצייט, אפשר וועט דאס העלפען, און דאס איז: אז מען זאל אויסקלייבען פינף יונגעלייט וואס האבן חריפות און פינף יונגעלייט וואס האבן בקיאות אין נגלה, און אזוי אויך אין חסידות, ד.ה. סך הכל צווי מנינים, זיי קענען זיין פון וועלכע ישיבה עס זאל נאר זיין וואס האט א שייכות צו מיר, אדער פון דא, אדער פון א צווייטן ארט, און באזעצען זיך דא מיט זייערע בני בית, און זיצן און לערנען,

און נישט פארלאזנדיק זיך אויף קיינעם נישט, ווארום אל תבטחו בנדיבים . . שאין לו תשועה, און מען וועט זיי צאלן פון דער קרן דריי מאל אזוי פיל ווי מען צאלט איצטער, און האפן אז אויף זיי וועט מען קאנען אויפבויען דעם כולל, ווארום פון די וואס זיינען איצטער אין דעם כולל וועט מען זיכער נישט קיין כולל אויפבויען! אפילו עס וועט זיך איבער בייטן מן הקצה אל הקצה! און די וואס מען וועט אויס קלייבען זאל דאס געטאן ווערן דורך מענטשן וואס וועלן זיי גוט אפשאצן אויף דעם, און נישט נאר איין מענטש נאר צוויי מענטשן, כדי ס'זאל זיין צוויי עדים

נאמנים שיעידו עליו שלומד, און נישט טאן דאס באופן אז ער וועט זיין געבן א צעטל, ווארום ער וויל יענעם טאן א טובה, נאר מען זאל געבן דוקא צו אזעלכע וואס האלטן דערביי, און די אלע וואס ווילן זיין אין דעם ענין, זאלן זיך איצטער גלייך פארשרייבן, במילא וועט מען שוין קענען אנהויבן טאן אין דעם.

ובנוגע צו די וואס זיינען דא דערוויילע איצטער אין דעם כולל, איז סתם פארמאכן דעם כולל, און הייסן זיי גלייך זוכן פרנסה, וויל איך דאס נישט טאן, ווארום עס וועט ווערן א גרויסע מהומה, במילא איז וויבאלד דער סדר איז אז מען זיצט דארטן אויף צווי יאר, נעם איך אויף זיך די צוויי יאר, אז זיי זאלן דאס ממשיך זיין, און דערוויילע זאל מען אנהויבן דעם נייעם ענין פון די צוואנציק יונגעלייט, וכו' . . .

חלק **משיחת ש"פ צו ה'תשמ"א** - הנחה פרטית בלתי מוגה

... ס'איז דא נאך א זאך וואס האט געדארפט זיין אין דער שול, און א דבר הפשוט, און אעפ"כ האט קיין איינער ניט מעורר געווען וועגן דעם:

דער שול דא שטייט שוין כמה שנים און פרשידענע מענטשן קומען דא אריין, געפינט מאן אבער ניט אז בשעת א איד קומט דא אריין פון רשות הרבים, פון טלטולא דעולם, און ער איז פארמאטערט און פארשווייצט און זעצט זיך לערנען אין א ספר אדער דאוונען – געפינט מען ניט אז ער זאל קאנען באקומען א טרונק וואסער! ועאכו"כ ניט א גלאז טיי, וואס דאס איז גאר א גרויסע זאך, אבער עכ"פ א גלאז איבערגעקאכטע וואסער – איז אויך ניטא ער זאל באקומען!

וואס דאס איז לכאורה א דבר הכי פשוט – פארוואס זאל א איד וואס קומט דא אריין אין שול לערנען עפעס א ווארט אדער דאוונען, ניט קענען באקומען א גלאז וואסער צו זיך אפפרישן?!

און דאס האבן אין א כלי יפה ונאה וזך אז מ'זאל דערפון קאנען טרינקען, ווי דער דין איז אין שו"ע.

און אעפ"כ האט זיך קיינער וועגן דעם ניט געכאפט!

ווען א איד קומט אריין אין שול פון רה"ר דארף ער קענען זיך אפפרישן מיט א גלאז וואסער כפשוטו, און ניט נאר אז אויפן טיש אין שול זאל ליגן א המשך תער"ב וכיו"ב – נאר עס זאל אויך זיין וואו צו קענען באקומען להבדיל א גלאז וואסער, און ווער רעט נאך – א גלאז טיי.

ווען ער קומט אריין אין שול און ער (?) דארף ער קענען באקומען ניט נאר "אין מים אלא תורה", וואס דאס איז א זיכערע זאך אז ער דארף באקומען – נאר אויך מים כפשוטו, וואס אויף אים קען דער איד וואס קומט אריין אין שול פון רה"ר און ער איז דארשטיק מאכן די ברכה "שהכל נהי' בדברו", (ווי דער דין איז (סדר ברה"נ ה"ז)) – ד.ה. אז דורך דעם גלאז וואסער – איז ער מכריז אז אלץ בכל העולמות אין כל סדר ההשתלשלות איז "נהי' בדברו"!

און ער דארף קענען באקומען די וואסער, אדער די טיי, אין א נארמאלען שטייגער און אין א כלי נאה וכו'; ניט אז ווען ער וויל וואסער דארף ער גיין צום קראן און דארטן אפשווענקען א קווארט און באהאלטן זיך און ווען קיינער זעט ניט – פון דארטן טרינקען, וואס דאס איז לא כדרך בני אדם, ובפרט אז מ'פירט זיך ווי רבותינו נשיאנו האבן געוואלט, אז מ'זאל זיין בעלי נימוס – נאר ער זאל קענען באקומען די וואסער (אדער טיי?) אין א נארמאלן שטייגער, אין א כלי נאה און מקום נאה וכו', אין אן אופן אז דאס זאל ניט זיין א רחוקה היא "לא בשמים הוא ולא מעבר לים היא", נאר "קרוב אליך הדבר מאד", ער זאל דאס גלייך קענען באקומען.

און אויף דעם דארף מען ניט ווארטן ביז ירוסלבסקי פון תל אביב וועט אהערצו קומען, און זיך מאטערן צו שטעלן אידן מיט וואסער און טיי און אכילה – הכנסת אורחים, וואס איז "גדולה מקבלת פני השכינה", און צושטעלן באופן של מנוחה און אין ריינע כלים וכו' –

נאר די אידן אין חו"ל, וואס געפינען זיך דא האבן זיך געמעגט אפלערנען פון אים, און דאס אליין טאן – עכ"פ בנוגע צושטעלן אידן וואס קומען אין שול מיט איבער גיקאכטע וואסער צו טרינקען, און נאך בעסער מיט טיי – וואס דאס איז אויך ניט א געוואלדיקע זאך.

און ניט ווארטן ביז א איד קומט אהערצו צו פארן פון ארץ ישראל, וואס אויף דעם איז דא א גאנצע שאלה וכו' נאר א איד פון חו"ל האט זיך געמעגט אויף דעם אליין כאפן.

און וויבאלד אז קיינער האט זיך ניט געכאפט אויף דעם ביז איצטער – בין איך דער וואס איז אויף דעם מעורר, ווי אין כו"כ ענינים.

און דער עיקר איז – אז דאס זאל אראפקומען לידי פועל ממש ובקרוב.

**<u>הוספה</u>**



נאגל- צימענד -

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
Hyacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כב' מ"ח תשל"ט
ברוקלין, נ.י.

האברך הוה"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' מרדכי משולם שי'
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם
ליום ה' כסלו הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב
מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית
בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה
כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מכתב כ"ק אדמו"ר עבור נישואי הורי החתן שי'



לאבנשטיין- קארפ

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

493-9250

ב"ה, כא' סיון תשמ"א
ברוקלין, נ.י.

האברך הו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' יוסף שי'. הלוי
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעת זמן חתונתם ליום י' תמוז הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות,

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מכתב כ"ק אדמו"ר עבור נישואי הורי הכלה תי'

נגל- ברוקלין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ' אייר תשד"מ
ברוקלין, נ.י.

הוה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ
מוה' מרדכי משולם שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אשר נולד להם בן למזל טוב,

הנה יה"ר מהשי"ת שיכניסוהו לבריתו של אברהם אבינו, וכשם שיכניסוהו לברית כן יכניסוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ויגדלו ביחד עם זוגי' תי' מתוך הרחבה.

בברכת מזל טוב

**מכתב כ"ק אדמו"ר עבור הולדת החתן שי'**



לאווענשטיין - מלבורן

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

ב"ה, ה' מ"ח תשמ"ז
ברוקלין, נ.י.

הו"ח אי"א בו"נ וכו'
מו"ה יוסף שי' הלוי

שלום וברכה!

בנועם על ההודעה אשר נולדה להם בת למזל טוב ונקרא שמה בישראל שיינא תחי' תי'

הנה יה"ר מהשי"ת שיגדלה ביחד עם זוגו' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

ידוע מכ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע, אשר מנהגו הוא לאמר גם בלידת בת לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ע"פ מרז"ל (ברכות י"ז א) נשים במאי זכיין באקרויי כו' באתנויי גו' ונטרין כו'.

בברכת מזל טוב

מכתב כ"ק אדמו"ר עבור הולדת הכלה תי'

נאגל- ברוקלין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

...ז מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
77... איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, יג' אייר תשמ"ז
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ
מוה' מרדכי משולם שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אודות יום הולדת השלישי של בנם מנחם מענדל שי',

הנה מועתק לקמן חלק ממכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בנוגע למנהגי ישראל בזה. ויה"ר מהשי"ת שיגדלו ביחד עם זוג' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

בברכה

וז"ל כ"ק מו"ח אדמו"ר.

......ובדבר גזיזת השערות -אפשערניש- הוא דבר גדול במנהג ישראל ועיקרו הוא בהחינוך דהשארת פיאות הראש, ומיום הגזיזה והנחת הפיאות של הראש, נהגו להדר להרגיל את התינוק בענין נשיאת ט"ק וברכות השחר וברכת המזון וק"ש שעל המטה. והשי"ת יהי' בעזרם שיגדלוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך פרנסה בהרחבה ובמנוחת הדעת בגשמיות וברוחניות.

**מכתב כ"ק אדמו"ר עבור האפשערניש של החתן שי'**

**צילום ה"תשורה" שחולקה בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית נ"ע זי"ע**



לידידי מר משה נ"י שאלתי ובקשתי לעורר רוח טהרה בלבו הטה'ורן להעביר על מדותיו כמארז"ל כל המעביר על וכו'
ולהיות מן הנעלבי'ן(ם) ולבקש מחילה ברבים מהנגיד מו' מאיר ל"י קודם יוה"כ הבעל"ל (יוס'הכיפורים הבא'על'ינו'לטובה) ולעשות זאת למעני ולמען
השלו'(ם) כי אין שלו' יוצא מתוך מריבה ח"ו ובפרט ממחלוקת לש"ש (לשם'שמים) אשר רוב הצרות והתלאות הן ממחלוקת לש"ש
הרחמן יצילנו ממנה ומגורל בטוחני שדברי אלה המועטי'ן(ם) יחזיקו המרובי'ן(ם) ויהיו לרצון אמרי פי ולא ישליכם
אחרי גיוו הו"ו קצרתי ואומר שלו' שלו' מאדה"ש (מאד'השלום) כנפש תדרשנו ד"ש (דורש'שלומו) וטובתו מלו"ח (מכב'ונפשו'חפיצה) שניאור זלמן



ואילו שלוש השורות שמשמאל,
הכתובות בשפה הרוסית,
נכתבו על־ידי אחר:
לאדון יהודי משה
סורדוגוביץ (בן מרוכי) מיידלש
בווילנא



שתי השורות שמימין נכתבו אף הן
— מעבר לדף —
בגוף־כתב־יד־קדוש אדמו"ר הזקן:
להרבני מו"ה משה מיידלש שמש נאמן
דק"ק(הקהלה) ווילנא



# לקט אגרות קודש

## כ״ק אדמו״ר זי״ע

לקט מכתבי כ״ק אדמו״ר לזקני החתן שי׳

**הרה״ח וכו׳ הר״ר חיים וזוגתו מרת אסתר שיחיו ציעמנד**

אשר זכו לקבל משך השנים

בתור שלוחי כ״ק אדמו״ר במדינת מאסאטשוסעטס, ארה״ב

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE
TRANSLATION
by
SECRETARIAT מזכירות

By the Grace of G-d
2nd day of Rosh-Chodesh
Tammuz, 5715
Brooklyn, N.Y.

To the Conference of
Religious Physicians
New York City.

Greeting and Blessing:

I was pleased to be informed of your Conference, designed to create an organized body of Jewish religious physicians. Unification of religious forces was always desirable, especially in our generation, a generation confused and perplexed by the shattering events of recent years, as a result of which many thinking people have become completely disillusioned in the false ideas and ideologies which they had held in the past, and are now earnestly searching for the truth.

An organized body of religious physicians could make its influence to be felt in these circles through a declaration of its authoritative opinion on several issues, which have been the subject of confused and misleading controversy.

Such a declaration should, first of all, do away with the misconception about any conflict between science and religion. True science, the object of which is the truth and nothing but the truth, can lead to no conclusions which are contrary to our Torah, "the Law of Truth." On the contrary, the more deeply one delves into science, the stronger must grow the recognition of the truth of the fundamental principles, as well as the ramifications, of our Jewish religion.

As physicians, in particular, you are in a position to refute decisively the materialistic philosophy, as is demonstrated by the fact that so much of physical health depends on spiritual health. If in olden days emphasis was placed on "mens sana in corpore sano," in our days it is a matter of general conviction that even a small defect spiritually causes a grievous defect physically; and the healthier the spirit and the greater its preponderance over the physical body - the greater its ability to correct or overcome physical shortcomings; so much so, that in many cases even physical treatments, prescriptions and drugs are considerably more effective if they are accompanied by the patient's strong will and determination to cooperate

This principle of "mind over matter," i.e. of quality over quantity, is further emphasized by the fact, which is continually gaining recognition, that the vital functions of the organism do not depend on quantity, inasmuch as the glands, and the hormones, vitamins, etc. which they produce, are quite minute quantitatively.

- Parenthetically: It is written in our holy Scriptures, "From my flesh I visualize G-d." Recognizing the preponderance of the soul in the physical body (the microcosm), there remains but a small step to the recognition of G-d, the "soul" of the Universe (the macrocosm). And in the words of our Sages: "As the soul fills the body, vivifies it, sees, but is not seen - so the Holy One, blessed is He, fills the world, vivifies it, sees, but is not seen."

* * *

So much, speaking in general terms. Specifically, many are the questions directly relating to the practice of the physician, some of them of practical and immediate importance, on which your voice should be heard. To mention but a few:

To declare the paramount importance of the observance of the laws of Taharas ha-Mishpocho;

The observance of the dietary laws;

Circumcision.

With regard to the genital organs: elimination of treatment likely to cause sterility, and substituting for it other forms of treatment; particularly, in connection with surgery on the prostate.

Prescriptions and drugs: many of them could be made in compliance with the laws of kashrus, and only through indifference or carelessness it is not done so.

Post-mortem: for purposes of study of anatomy, etc., surely it is possible to use artificial forms and models. For purposes of ascertaining the cause of death - in many cases it is not essential; where it may be of immediate necessity to save a life (as in the case of an accusation of poisoning, etc.) - mutilation of the body should be reduced to the essential minimum, and the parts should be buried afterwards.

And so on.

* * *

Needless to say, what has been mentioned above about pointing out the health benefits that are derived from the observance of the religious precepts, should not be understood as an attempt to explain the precepts by their utilitarian value. For it is a dogma

Physicians' Conference Page Three

of our faith that the Divine precepts must be observed because they are the command and will of our Creator, and "the reward of a Mitzvah is the Mitzvah itself," for "this is the whole purpose of man" - to commune and unite with his Maker, through the fulfillment of His commands.

However, for the benefit of those who, by reason of spiritual "sickness," cannot be induced to observe the precepts except by making them aware of their utilitarian value, we must do everything possible to urge them to observe the Mitzvoth in daily life, even if we have to rationalize about the Divine commands, and emphasize their physical benefits.

I conclude with extending to you my prayerful wishes that your Conference reflect the Scriptural words, "Then conferred with one another they who fear G-d," and may your good aspirations materialize successfully and lead to practical accomplishments; and, as the Scriptural passage just quoted concludes, "and it was recorded in a memorial book, for remembrance before G-d," so may your accomplishments have lasting benefits for the many - your great privilege.

Respectfully, and with
Blessings for success,

/Signature/

Hy 3-9250

Cables: LUBAVITCH NEWYORK

מזכירות
כ"ק אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א שניאורסאהן
ליובאוויטש

SECRETARIAT of RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
the Lubavitcher Rabbi
770 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN 13, N. Y.

By the Grace of G-d
Rosh Chodesh Adar II,5722
Brooklyn, N.Y.

To: Rabbis, Principals, Teachers and Parents,

Greeting and Blessing:

The Lubavitcher Rabbi, Rabbi Menachem M. Schneerson שליט"א, at a recent gathering, drew attention to the widespread misconception on the part of many Jewish adults and children, regarding their personal obligation to fulfill the Purim Mitzvos of Mishloach Monos (sending food gifts to friends) and Mattonos loEvyonim (donations to the poor). There is the mistaken belief that the performance of these Mitzvos by their husbands or parents makes it unnecessary for any other member of the family to fulfill these Mitzvos personally.

We therefore respectfully urge Rabbis, principals, teachers and parents to remind their congregants, students and children that:

(a) In addition to listening to the reading of the Megillah on Purim (both at night and in the morning), and aside from other Purim observances such as the "Al Hanissim" prayer, and others, boys of thirteen years and older, and girls of twelve and older, have a personal obligation to fulfill the Mitzvos of Mishloach Monos and Mattonos loEvyonim on the day of Purim. Note:From the educational and experiental point of view, especially in view of the Mitzvah of Chinuch, younger children should also be encouraged to fulfill these Mitzvos.

(b) These Mitzvos can easily be fulfilled. In the case of Mishloach Monos - by giving two kinds of edibles (e.g. fruit, candy, cake, soda and the like) to a friend (men to men and women to women); and in the case of Mattonos loEvyonim - the minimum requirement is to give at least one penny to each of at least two needy individuals. (One who gives more generously to the needy is of course "more praiseworthy".)

With best wishes for a happy and inspiring Purim,

Sincerely yours,
SECRETARIAT OF RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
the Lubavitcher Rabbi שליט"א

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

By the Grace of G-d
3rd of Iyar, 5722
Brooklyn, N.Y.

To the Students of Achei Tmimim
Boston, Mass.

Sholom uBrocho:

I was pleased to be informed by Rabbi Ch. Ciment about those of you who actively participated in the Moos Chittim collection. The Mitzvah of Moos Chittim is, of course, one of the highest forms of Tzedoko, and it will stand you in good stead. Your active share in it gives me the certain hope that also in all other Mitzvoth you show the same degree of devotion, and that you fulfill them with Hiddur and with joy.

May G-d bless you with much success in your study of the Torah and the observance of the Mitzvoth, so that you will always be a source of true Yiddish Nachas to Parents and teachers, and a source of blessings to your near and dear ones.

With blessing,

M. Schneerson

Receipt is enclosed.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, י"א ניסן ה'תשל"ב
ברוקלין, נ.י.

אל תלמידי ותלמידות ישיבת
אחי תמימים ליובאוויטש
דבוסטון
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

בלקראת חג המצות, זמן חירותנו, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, הנני בזה להביע ברכתי לחג כשר ושמח ולחירות אמתית, חירות מדאגות בגשם ומדאגות ברוח – מכל דבר המעכב עבודת ה' בשמחה ובטוב לבב.

ולהמשיך מחירות ושמחה זו בימי כל השנה כולה.

ובפרט שעבודת השם, כמצווה עלינו בתורתנו תורת חיים, הרי היא בכל עניני האדם ובמשך כל היום וכל הלילה, וכמו שנאמר בכל דרכיך דעהו.

בברכת החג

נ.ב.

ז"ע נתקבלה השתתפותם במגבית מעות חטים, והפ"נ המצורף יקרא בעת רצון על הציון הק'.

כ״ק אדמו״ר הואיל להוסיף: **בברכת הצלחה בתומ״צ ובהנהגה טובה בכלל ו**

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין, נ. י.

By the Grace of G-d
Isru-Chag HaMatzos
Zman Cheiruseinu, 5743
Brooklyn, N.Y.

To All Participants in the Annual Banquet
of the Lubavitch Yeshiva "Achei Tmimim"
Brookline, Mass.

Greeting and Blessing:

I am pleased to be informed of the forthcoming Annual Banquet to take place on 11th Iyar. May it be blessed with Hatzlocho and exceed all expectations, in keeping with the spirit and teachings of Zman Cheiruseinu which we have just celebrated.

As has often been emphasized, the Festival of Pesach, the Season of Our Liberation, comes around every year not merely to remind us of the Liberation of our ancestors from Egyptian bondage, but also to inspire us to strive for, and achieve, a greater measure of self-liberation from all limitations and distractions which impede a Jew in his free exercise of Yiddishkeit in the everyday life. This is the meaning of the highly significant passage in the Haggadah: "In every generation a Jew should see himself as though he personally has been liberated from Mitzrayim."

In this blessed country of freedom and opportunity, such total identification with the spirit of the "Season of Our Liberation" pertains more to the inner self than to outside factors which are often beyond one's control. Here, thank G-d, there are no external constraints or limitations to getting involved with Jewish causes, especially the most vital cause of Torah education. It is only a matter of setting one's goals high enough to meet the challenges and opportunities of these times. Given the will and determination, the opportunities are limitless.

The vital importance of Torah education for the preservation of every Jewish community, indeed for the preservation of our Jewish people as a whole needs no elaboration. But these days linking the Festival of Pesach with the Festival of Shovuos particularly emphasize this eternal truth. For, as our Sages point out, it is only because the Jewish children in Egypt received the proper Jewish education (under the most adverse conditions!), our whole Jewish people, strong and numerous, was liberated from Egyptian slavery; and it is only because these very children (and Jewish children of every generation) had been made the guarantors of the Torah and Mitzvos - the Torah was entrusted to our Jewish people.

In this spirit, I pray and trust that everyone of you will rise to the occasion, to enable the Lubavitch Yeshiva to continue and expand, likewise from a position of liberation from financial burdens and limitations. And since G-d rewards in kind, but most generously, He will surely reciprocate, granting everyone of you and yours, in the midst of all our people, true liberation from anxiety and want, both materially and spiritually.

Wish esteem and blessing of Hatzlocho,

M. Schneerson

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

By the Grace of G-d
Rosh Chodesh Adar, 5745
Brooklyn, N. Y.

To All Participants in the Annual Banquet
of the Lubavitch Yeshiva "Achei Tmimim"
Brookline, Ma.

Greeting and Blessing:

This year's Annual Banquet is taking place on the day after Shabbos Parshas Ki Thisso, which begins with the law of the Half Shekel contribution, "To make atonement for your souls" - לכפר על נפשותיכם.

The Midrash relates that Moshe Rabbeinu wondered how a silver coin could be a "ransom for a soul." So HaShem showed him a Matbe'a shel Aish, "a fiery coin," saying, "This is what they shall give."

It is explained in the teachings of Chasidus and other sources that when a Jew gives of his money for the support of a Yeshiva and similar holy institution, which is called Mikdash Me'at (a "small Beis Hamikdash"), especially when he gives it with enthusiasm and with all his heart and soul - it illuminates his soul, which is called Ner HaShem, "HaShem's Lamp," while lighting many such "soul candles" of the students themselves, as well as of those which the students will eventually light up in their surroundings, with the light of the Torah and Mitzvoth, Ner Mitzvo v'Torah Or.

I trust that the inspiration of the Sedra, particularly the portion of the Half Shekel, will be reflected in everyone's response to the needs of the Yeshiva, that it will be a Matbe'a shel Aish - both in terms of generosity and enthusiasm.

Especially as also the inspiration of Purim, which just preceded the Dinner, will surely be fresh and deep in the minds of all present, since it is in connection with Purim that we now observe the meaningful symbolic custom of the Half Shekel contribution, which in days of old, used to go for the support and needs of the Beis Hamikdash.

I reiterate my prayerful wishes to each and all of you that the Zechus of your Matbe'a shel Aish should bring you and all yours an increased and steadily growing measure of - in the words of the Megillah - "Light, Joy, Gladness and Honor," both in the plain sense of these words, as well as in their deeper meaning of "Light - this is Torah," etc.

With esteem and blessing
for good tidings in all
above M. Schneerson

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

Hyacinth 3-9250

By the Grace of G-d
Shushan-Purim, 5746
Brooklyn, N. Y.

To All Participants in the Annual Banquet
of the Lubavitch Yeshiva "Achei Tmimim"
Brookline, Ma.

Greeting and Blessing:

I was pleased to be informed of the forthcoming Annual Banquet, taking place on the 26th of Adar Sheni, right in the middle between Purim and Pesach - the two Geulo Festivals, of which our Sages say, לסמך גאולה לגאולה - "To bring closer one Geulo to the next Geulo." It is for this reason that in a Leap Year, as this year, Purim is celebrated in the second Adar, the one that is immediately next to the month of Nissan, the month in which the next true and final Geulo will be ushered in.

Purim and Pesach have this in common, among other things, that the deliverance of our Jewish people, which we commemorate on these festivals every year, was brought about by the extraordinary dedication to preserve Jewish identity in the face of being in Golus, and "dispersed and scattered among the nations." This dedication expressed itself, first and foremost, by concentrating on the education of our young and very young, as well as those who were "young" in Yiddishkeit and Torah experience.

Indeed, throughout the ages, and wherever Jews lived, Torah Chinuch held the first place as the most vital factor of Jewish existence - especially in a Golus environment. For, obviously, there can be no Jews without Jewishness, no Jewishness without Torah education, and no Torah education without Yeshivos.

I trust, and I am confident, that all participants in this Annual Event, will demonstrate their fullest awareness of this simple fact of Jewish life, expressing it in concrete deeds, as enthusiastic active partners in the cause of Torah Chinuch, by their extra generous support of the Lubavitch Yeshiva Achei Tmimim. In addition to the merits of this vital cause itself, it will surely be rewarded by an extra generous measure of Divine blessings in all personal needs materially and spiritually.

With esteem and blessing
for Hatzlocho in all
above
M. Schneerson

לעילוי נשמת

ר׳ **נתן** ב״ר **נחמן לייב** ע״ה

**נאגל**

נפטר ח׳ טבת ה׳תשנ״ז

❀

לעילוי נשמת

מרת **רייזל איטא** ב״ר **יהודה זונדל** ע״ה

**נאגל**

נפטרה ג׳ תמוז ה׳תשס״ו

**יום ההילולא של כ״ק אדמו״ר זי״ע**

**ת. נ. צ. ב. ה.**

לעילוי נשמת

**הרה"ח ר' אלחנן** ע"ה **לאבנשטיין**

נפטר כ"ה מנחם אב ה'תשס"ה

❀

לעילוי נשמת

**הרה"ח ר' אברהם** ע"ה **קארפ**

נפטר י"ט אלול ה'תשנ"ח

**ת. נ. צ. ב. ה.**

**לזכות**

הרה״ת ר׳ **מרדכי משולם** וזוגתו מרת **זיסל**

בניהם ובנותיהם

הרה״ת **לוי יצחק** וזוגתו **חי׳ יהודית**

בנם **נתן** ובתם **מליא פייגא**

**חנה** ובעלה הרה״ת **נחום הלל**

בתם **חי׳ מושקא** ובנם **מנחם מענדל קצנלנבוגן**

**שמואל, שלום דובער, שניאור זלמן, חי׳ מושקא,**

**ישראל ארי׳ לייב, רחל, דבורה לאה, נחמן ושיינא**

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

**נאגל**

**לזכות**

הרה״ת ר׳ **יוסף הלוי** וזוגתו מרת **אסתר**

בניהם ובנותיהם

**רחל גיטל** ובעלה הרה״ת **שמואל אליעזר**

ובניהם **אלחנן ומנחם מענדל** שיחיו **גאלדבערג**

**משה הלוי, שמואל הלוי, ריקל**

**לוי יצחק הלוי ומנחם מענדל הלוי**

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

# לאבנשטיין

**מוקדש**

**לחיזוק ההתקשרות לנשיאנו**

**כ״ק אדמו״ר זי״ע**

❖

לזכות

החתן הרה״ת **מנחם מענדל** והכלה מרת **שיינא חי׳** שיחיו

**נאגל**

לרגל נישואיהם בשעטומ״צ

יום הרביעי ד׳ תמוז, ה׳תשס״ז

נדפס ע״י הוריהם וזקניהם

הרה״ת ר׳ **מרדכי משולם** וזוגתו מרת **זיסל** שיחיו **נאגל**

הרה״ת ר׳ **יוסף הלוי** וזוגתו מרת **אסתר** שיחיו **לאבנשטיין**

הרה״ח הר״ר **חיים** וזוגתו מרת **אסתר** שיחיו **צימענד**

מרת **שרה** תי׳ **לאבנשטיין**

מרת **רבקה** תי׳ **קארפ**